Bild-Nr.: JG1228-0-01-0002-0001 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

697

ווײַסרוסישע וויסנשאפט-אקאדעמיע
ייִדישער סעקטאָר

סאָציִאַל-עקאָנאָמישע סעריִע

1

י. הערשנבוים

# שטשעדרין

## א שטעטל אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריִאָד

פרײַז 25 קאָפ.

אויסגאבע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע
מינסק — 1931

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0003-0003 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0003-0004 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## באמערקטע דרוק־פעלערן:

זײַט 7 — אָפּגעדרוקט 193 דארף זײַן — 198.

זײַט 10 — אָפּגעדרוקט „האָט בעעמעס די קאָאָפּעראציע" דארף זײַן — „די קאָאָפּעראציע האָט בעעמעס".

זײַט 13 — אָפּגעדרוקט אין דער טאבעלע 4 „סאכאקל 30" דארף זײַן — 39.

זײַט 20 — אין דריטן אָבזאץ זיינען איבעריק די געגדזנפּיסלעך.

זײַט 26 — אָפּגעדרוקט „דעקלאסירטע אָרעמקייט" דארף זײַן — „שטעטלדיקע אָרעמקייט".

זײַט 33 — אָפּגעדרוקט „די פּײַנטלעכע עלעמענטן" דארף זײַן — „די קלאסן־פּײַנטלעכע עלעמענטן".

זײַט 27 — אָפּגעדרוקט אין פּונקט 7 „באווירקן" דארף זײַן — „ווירקן".

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0004-0005 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0004-0006 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ווײַסרוסישע וויסנשאפט־אקאדעמיע
יִדישער סעקטאָר

סאָציִאַל-עקאָנאָמישע
סעריִע

1

י. הערשנבוים

# שטשעדרין

## א שטעטל
## אין רעקאָנסטרוקטיון פעריִאָד

אויסגאבע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע
מינסק — 1931

Jud. Germ.
1228

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0005-0007 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

STADTBIBLIOTHEK
FRANKFURT AM MAIN

Друкарня Беларускае Акадэміі Навук

Зак. № 642. Тыраж 2000. Галаўлітбел № 383.

UB | Frankfurt am Main

DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0005-0008 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# פאָרעדע

פאָרשן און אויסלערנען די טיפע עקאָנאָמישע און סאָציִאלע פּראָצעסן, וועלכע זײַנען ארויסגערופן געוואָרן דורכן רעקאָנסטרוקטיוון פּעריִאָד, און ווי אזוי זיי ווירקן אף דער סאָציִאלער דיפערענצירונג פון די ייִדישע ארבעטנדיקע אין ווסס״ר — דאָס איז די גרונט-אופגאבע אין דער ארבעט פון דער סאָציִאל-עקאָנאָמישער קאָמיסיִע באַם ייִדסעקטאָר ווא״ק.

דידאָזיקע הויפּט-אופגאבע לייגט ארוף, צווישן אנדערע, אף דער סאָציִאל-עקאָנאָמישער קאָמיסיִע א כיוו — פּובליקירן צום שנעלסטן די מאטעריִאלן, וועלכע געפינען זיך אין איר רעשוס, ניט לאָזן זיי פארעלטערט ווערן בא די ראשיקע טעמפּן פון אונדזער סאָציִאליסטישער בויונג. די קאָמיסיִע האָט דעריבער באשטימט פּובליקירן אירע ארבעטן אין א סעריִע מאָנאָגראפיִעס, גרעסערע און קלענערע, וועלכע זאָלן געבן א מעגלעכקײַט נאָכצושפּירן די סאָציִאלע און עקאָנאָמישע ענדערונגען גלײַך און ניט ווען זיי ווערן שוין פארוואנדלט אין מאטעריִאל פון געשיכטע.

אלס ערשטע ארבעט פון דער אָנגעמערקטער סעריִע פּובליקירן מיר די ארבעט פון כ׳ י. הערשנבוים — „שטשעדרין. א שטעטל אין רעקאָנסטרוקטיוון פּעריִאָד״. די אויספאָרשונג פון שטשעדרין האָבן אין אָקטיאבער 1930 יאָר דורכגעפירט די כ׳ כ׳ ה. אלעקסאנדראָוו און י. הערשנבוים, אונטער דער אָנפירונג פון כ׳ ה. אלעקסאנדראָוו. די מאטעריִאלן פון דער אויספאָרשונג האָט באארבעט דער כ׳ הערשנבוים.

מיר דאנקען די אָרטיקע טוער כ׳ כ׳ ל. אָלשאנסקי (פּאָרזיצער פון קאָל-ווירט „סאָציִאליסטישער וועג״), רעווזין (פארוואלטער פון פּאָסט-אָפּטייל) און ש. שוב (פארוואלטער פון דער 4-יאָריקער ייִדשול) פאר זייער מיטהילף אין אונדזער ארבעט.

סאָציִאל-עקאָנאָמישע קאָמיסיִע
באַם ייִדסעקטאָר ווא״ק



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0006-0009 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0006-0010 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# שטשעדרין

דאָס שטעטל שטשעדרין, פּאַריטשער ראַיאָן, געוו. באָבּרויסקער קרײַז, געפינט זיך 12 וויאָרסט פון פּאַריטשער פּריסטאַן (באַם טײַך בערעזינא), און 18 וויאָרסט פון דער אײַזנבאַן-סטאַנציִע קראַסני בערעג, בא דער מײַרעווּדיקער אײַזנבאַן-ליניִע. דאָס איז איינע פון די געוועזענע יִדישע קאָלאָניִעס אין ווײַסרוסלאַנד. עס וועט אָבער זײַן ניט ריכטיק, ווען מיר וועלן מיינען, אז אויב שטשעדרין איז אן אלטע יִדישע קאָלאָניִע, האָבן מיר צו טאָן אויסשליסלעך מיט א פּויערישער באַפעלקערונג. דער סאָציִאַלער צוזאַמענשטעל, די באַשעפטיקונגען פון דער שטשעדרינער באַפעלקערונג אין איר דינאַמיק באַווײַזן אונדז, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן זעלביקן סאָציִאַלן צוזאַמענשטעל און מיט דיזעלביקע באַשעפטיקונגען פון דער באַפעלקערונג ווי אין אַנדערע שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד, נאָר מיט דעם קליינעם אויסנאַם, וואָס אין שטשעדרין געפינט זיך א גרעסערער פּראָצענט פּויערים אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע ווײַסרוסישע שטעטלעך.

שטשעדרין ווי א קאָלאָניִע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1842 יאָר. דאָס קומט אויס אין דער צײַט, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט צוגעצויגן צוליב פּאָליטישע צוועקן די יִדישע קאַפּיטאַליסטן אַף קאָלאָניזירן ווײַסרוסלאַנד, געבנדיק זיי פאַרשיידענע פּריווילעגיִעס. עטלעכע רײַכע סאָחרים האָבן געקויפט 2000 דעסיאַטין ערד. דער רײַכער סויכער גאָלאָדיעץ (דער גרעסטער גוויר פון שטעטל) האָט געהאַט 200 דעסיאַטין ערד. די ערד איז באַאַרבעט געוואָרן דורך אַרענדאַטאָרן אָדער דורך באַטראַקעס. דערזעלביקער גאָלאָדיעץ איז געווען א רײַכער וואַלד-סויכער און האָט עקספּלואַטירט דעם שטשעדרינער וואַלד. בא אים זײַנען געווען באַשעפטיקט אַנערעך 100 אָנגעשטעלטע. דאָס שטעטל איז פאַקטיש געווען אָפּהענגיק פונעם רײַכן וואַלד-סויכער, וועלכער האָט זיך געפירט ווי א פּאָרעץ און האָט געהאַט זײַן פּריצישן הויף. דער אָרט, אַף וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די הײַזער פון דער פאַמיליִע גאָלאָדיעץ, רופט זיך נאָך איצט אויך אָן „דער הויף".



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

די רײַכע סאָכרים האָבן געקויפט די ערד אפן נאָמען פון ליובאַוויטשער רעבן שנייערסאָן, קעדיי ער זאָל באקומען דעם טיטל „פּאָטאָמסטוועני פּאָטשאָטני גראזשדאנין”. צו דערדאָזיקער „טויווע” האָבן זיי, פארשטייט זיך, ניט צוגעלייגט. די ייִדישע שטשעדרינער גווירים האָבן דאָס אויסגענוצט אף האלטן אין עקאָנאָמישער און גײַסטיקער פארשקלאַפונג די פאראָרעמטע ייִדישע פּויערים. די ייִדישע פּויערים האָבן ניט געטאָרט פארקויפן אין דעם רעבנס שטעטל זייער ערד ניט קיין ייִדן, וואָס איז געווען אין די אינטערעסן פון די ייִדישע גווירים און קלייקוידעש, ווײַל דאָס האָט זיי געגעבן א מעגלעכקײַט אָפּצוקויפן די ערד פון די פאראָרעמטע ייִדישע פּויערים לויט די פּרײַזן, וועלכע זיי האָבן אײַנגעשטעלט. דער פארקויף-אקט פלעגט פּאָרקומען באַם ראָוו, וועלכער פלעגט אויך באקומען א באשטימטן פּראָצענט.

מיט ערדארבעט האָבן זיך אָבער פארנומען זייער ווייניק מענטשן. לויט דער פאָלק-ציילונג פון 1897 יאָר זײַנען אין שטשעדרין געווען 4234 נעפאשעס. פון זיי 4022 ייִדן. מיט ערדארבעט האָבן זיך באשעפטיקט נאָר 30 ייִדישע פאמיליִעס (אזא צאָל פּויערים איז פאקטיש פארבליבן ביז דער רעוואָליוציִע).

אף אזא אויפן קומען מיר צום אויספיר, אז שטשעדרין אין די דאמאָלסטיקע יאָרן איז געווען א שטעטל, וואָס איר באפעלקערונג האָט זיך מיט אירע באשעפטיקונגען ווייניק אונטערגעשיידט פון די איבעריקע ווײַסרוסישע שטעטלעך, ד. ה., קוסטארערײַ, האנדל, פארמיטלערײַ א. א. וו.

צום סאָף 19-טן י. ה. לאָזט זיך אויס די באשעפטיקונג ארום וואלד. די עקאָנאָמישע לאגע פון דער שטשעדרינער האָרעפאשנער באפעלקערונג ווערט פארערגערט. עס הייבט זיך אָן א קאָלאָסאלע עמיגראציִע פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג קיין אמעריקע. ווען איר רעדט מיט א שטשעדרינער וועגן אמעריקע, בארימט ער זיך זייער שטארק מיט „זײַן קאָלאָניִע” אין פּיטסבורג. די שטשעדרינער האלטן טאקע פּיטסבורג פאר זייערער א קאָלאָניִע. ניטאָ קימאט קיין איין שטשעדרינער, וועלכער זאָל דאָרטן ניט האָבן קיין אייגענע. דער בעסטער באַווײַז פאר דער עקאָנאָמישער פּערספּעקטיוולאָזיקײַט פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג ביז דער רעוואָליוציִע איז דאָס, וואָס די באפעלקערונג האָט זיך פארקלענערט אף 52 פּראָצ. באַם איצטיקן מאָמענט איז דאָ אין שטשעדרין 2021 נעפאשעס.

די אָקטיאבער-רעוואָליוציִע האָט אינגאנצן איבערגעאנדערשט דעם סאָציִאלעקאָנאָמישן לעבן פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג. באזונדערס איז עס קענטיק געוואָרן אינעם רעקאָנסטרוקטיוון פּעריִאָד פון דער סאָציִאליסטישער בויונג. די שטשעדרינער האָרעפאשנע באפעלקערונג האָט זיך אוועקגעשטעלט אף א פעסטן עקאָנאָמישן באָדן, אדאנק דער לענינישער נאציִאָנאלער פּאָליטיק פון דער ראטן-מאכט.

עס פארשווינדט דער „מענאכעם-מענדל״-טיפּ. עס ווערן ארויסגעשטויסן די נעפּלײַט, באַלעגופים, ארענדאטאָרן, וואָכערניקעס און אלע אנדערע ניט-ארבעטנדיקע עלעמענטן פון זייערע פּאָזיציעס. צוזאמען מיט זיי פאלט די ווירקונג פון דער רעליגיע און פון די קלעריקאלן. די האָרעפּאשנע ייִדישע מאסן ווערן ארײַנגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. דאָס אלץ קומט פאָר אפן פאָן פון פארשארפטן קלאסן-קאמף.

1

## די סאָציאַל-עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג.

אין שטשעדרין געפינען זיך 419 פאמיליעס, פון זיי — 379 ייִדישע און 40 ווײַסרוסישע. די צאָל נעפאשעס — 2021.

צום 1-טן אָקטיאבער 1930 יאָר טיילט זיך די באפעלקערונג אין שטשעדרין לויט דער באשעפטיקונג און סאָציאַלע גרופּעס אף אזא אויפן: 215 פאמיליעס פארנומען אין דער לאַנדווירטשאפט, פון זיי—193 אין קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג״. 95 קוסטארעס, פון זיי — 62 אין ארטעלן. 17 ארבעטער, 18 אָנגעשטעלטע, 4 ניט-ארבעטנדיקע, 30 אָן א באשטימטער באשעפטיקונג, 39 אפן אויסהאלט פון קרויווים (זע טאבעלע נומ. 1).

טאבעלע נומ. 1.

סאָציאַלער צוזאמענשטעל און באשעפטיקונג פון דער באפעלקערונג (פאמיליעס)

| | לאנדווירטשאפט-לעכע באפעלקערונג: אלגעמיינע צאָל | לאנדווירטשאפט-לעכע באפעלקערונג: קאָלווירט-ניקעס | לאנדווירטשאפט-לעכע באפעלקערונג: פויערים יעכידים | קוסטארעס: אלגעמיינע צאָל | קוסטארעס: מיטגלידער אין ארטעלן | קוסטארעס: קוסטארן יעכידים | ארבעטער און באטראקעס | אָנגעשטעלטע | אָן א באשטימטער באשעפטיקונג | אפן אויסהאלט פון קרויווים | ניט ארבעטנדיקע עלעמענטן | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבסאָל. צאָל | 215 | 198 | 17 | 95 | 62 | 33 | 17 | 18 | 31 | 39 | 4 | 419 |
| 0/00/0 פארה. | 51,3 | 47,2 | 4,1 | 22,7 | 15 | 7,9 | 4,2 | 4,2 | 7,4 | 9,4 | 0,9 | 100 |

די טאבעלע נומ. 1 באווײַזט אונדז, אז באם איצטיקן מאָמענט האָבן מיר 62,2% פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג, וואָס פארנעמען זיך ניט נאָר מיט פּראָדוקטיווער ארבעט, נאָר זײַנען אפילע ארײַנגעצויגן געוואָרן אין פארגעזעלשאפטלעכן סעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאפט און קוסטאר-פּראָדוקציע. ווען



Bild-Nr.: JG1228-0-01-0007-0012 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main
Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0008-0013 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיר זאָלן צו זיי נאָך צורעכענען די ארבעטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע ארבעטן אויך אויסשליסלעך אין פארגעזעלשאפטלעכן סעקטאָר פון דער פאָלק-ווירטשאפט און אין די מעלוכישע אנשטאלטן, דאן באקומען מיר אזא בילד: 70,3% פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג איז ארייַנגעצויגן געוואָרן אין סאָציאליסטישן סעקטאָר פון דער פאָלקווירטשאפט און נעמט א דירעקטן אָנטייל אין דער סאָציאליסטישער בויונג.

אין אלגעמיין האָבן מיר אזא לאגע, אז 82,5 פראָצ. פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג פארנעמט זיך מיט פראָדוקטיווער ארבעט. דאָס איז א רעזולטאט פון איַינגעשפארטער ארבעט אונטער דער אָנפירונג פון דער פארטיי אף ארייַנציִען אין דער סאָציאליסטישער בויונג די יידישע ארבעטנדיקע. באזונדערס בוילעט באווייַזן זיך די רעזולטאטן פון דער ארבעט אינעם רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד.

ווען מיר ווען מיר וועלן זיך צוקוקן גענוי צו די 82,5 פראָצ. פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג, וועלכע זייַנען ארייַנגעצויגן געוואָרן אין פראָדוקטיווער ארבעט דורכן קאָלווירט, קוסטאר. קאָאָפעראציִע, מעלוכע אנשטאלטן און אנד., וואָס זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פריִער, וועלן מיר זען די גרויסע פארענדערונגען, וואָס זייַנען פאָרגעקומען אין סאָציאלן און פראָפעסיאָנאלן צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג פאר די לעצטע יאָרן, באזונדערס אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד.

טאבעלע נום. 2.

### סאָציאלער באשטאנד און באשעפטיקונג פון דער באפעלקערונג אין פארגלייַך מיטן 1929 י. [1].

| | | יאָרן | | |
|---|---|---|---|---|
| | | 1924 | 1-טן אָקטיאבער 1930 | צוּוואוקס |
| לאנדווירטשאפט | אבסאָל. | 104 | 215 | + 111 |
| | % פארה. | 24,9 | 51,3 | + 206,7 |
| קוסטארעס | אבסאָל. | 118 | 95 | — 23 |
| | % פארה. | 28,2 | 22,7 | — 19,5 |
| ארבעטער און באטראקעס | אבסאָל. | 16 | 17 | + 1 |
| | % פארה. | 3,8 | 4,1 | + 6,3 |
| אָנגעשטעלטע | אבסאָל. | 8 | 18 | + 10 |
| | % פארה. | 1,9 | 4,2 | + 225 |

1) די ציפערן פון 1924 יאָר זייַנען ניט קיין פולע.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

טאבעלע נומ. 2. (סאָף).

| | | י אָ ר ן | | |
|---|---|---|---|---|
| | | 1924 | 1־טן אָקטיאבער 1930 | צוּוואוּקס |
| אָרעמקייט . . . . . . . | אבסאָל. . . | 22 | — | + 22 |
| | % פארה. . | 5,3 | — | — 100 |
| ניט ארבעטנדיקע באפעלקערונג | אבסאָל. . . | 95 | 4 | — 91 |
| | % פארה. . | 22,7 | 0,9 | — 95,4 |
| אומבאשטימטע באשעפט. . . | אבסאָל. . . | 28 | 31 | + 3 |
| | % פארה. . | 6,7 | 7,4 | + 10,7 |
| אפן אויסהאלט פון קרויווים . | אבסאָל. . . | 27 | 39 | + 12 |
| | % פארה. . | 6,5 | 9,4 | + 44,4 |
| ס א כ א ק ל . . . . . . | אבסאָל. . . | 418 | 419 | |
| | % פארה. . | 100 | 100 | |

די טאבעלע נומ. 2 באווייַזט אונדז די פארענדערונגען, וואָס זייַנען פאָר־געקומען אין סאָציִאלן און פּראָפעסיִאָנעלן באשטאנד פון דער באפעלקערונג. אויב אין 1924 יאָר האָבן מיר געהאט א לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג פון 104 פאמיליִעס, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך נאָר 24,9 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, האָבן מיר אין 1930 יאָר א לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג פון 215 פאמיליִעס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר 51,3 פּראָצ. ד. ה., אין פארלויף פון די 6 יאָר איז די לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג אויסגעוואקסן אף 206 פּראָצ. און שטעלט מיט זיך פאָר מער ווי א העלפט פון דער גאנצער שטשעדרינער באפעלקערונג.

אפן כעזשבן פון וואָס פארא שיכטן איז אויסגעוואקסן די לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג?

ערשטנס, האָט זיך די צאָל ניט־ארבעטנדיקע עלעמענטן, ווי עס ווייַזט אונדז די טאבעלע נומ. 2, פארקלענערט אף 95,4% ד. ה. פון 95 פאמיליִעס, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט האנדל, קאצאָוועס, מעלאמדעס, שאַמאָשעס און אנד. זייַנען אינגאנצן געבליבן 4 [1] (דער ראָוו, שויכעט און צוויי קאצאָווים). זייער ספּעציפישע געוויכט צווישן דער אלגעמיינער באפעלקערונג שטעלט מיט זיך פאָר 0,9%, אין דער צייַט, ווען אין 1924 האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט

[1] די באלעגופים גייען ארייַן אין דער גרופּע פויערים־יעכידים.

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0009-0015 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

22,7%. א גרויסער טייל פון זיי זײַנען אוועק אין דער לאַנדווירטשאַפט (זע קאַפּ. „קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג״ טאַב. 7).

צווייטנס, א באַדײַטנדיקער טייל פון דער גרופּע אָרעמקײַט איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער לאַנדווירטשאַפט און די איבעריקע אין אַנדערע געביטן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. די דאָזיקע גרופּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט צום 1924 יאָר 22 פאַמיליִעס אָדער 5,3 פון דער באַפעלקערונג.

דריטנס, — אפן כעזשבן פון די קוסטאַרעס. צום 1924 יאָר האָבן די קוסטאַרעס מיט זיך פאָרגעשטעלט 118 פאַמיליִעס, אָדער 28,2% פון דער באַפעלקערונג, צום 1-טן אָקטיאַבער 1930 — 95 פאַמיליִעס, אָדער 22,7% פון דער באַפעלקערונג, ד. ה., אַז די גרופּע האָט זיך פאַרקלענערט אף 19,5% און א באַדײַטנדיקער טייל פון איר איז אוועק אין דער לאַנדווירטשאַפט.

צוקוקנדיק זיך צו דער טאַבעלע נומ. 2, קען מען קומען צום אויספיר, אַז צום 1-טן אָקטיאַבער 1930 יאָר זײַנען אין שטעטעלע נישט געבליבן קיין הענדלער און פּריוואַט האַנדל, ווײַל די גרופּע ניט-אַרבעטנדיקע האָט זיך פאַרקלענערט אף 95,4% און עס זײַנען געבליבן נאָר 2 קאַצאָווים, דער ראָוו און דער שויכעט. ווען מיר זאָלן זיך צוקוקן אויסערלעך צו שטעטעלע קען זיך טאַקע באַקומען אַזאַ אײַנדרוק, ווײַל איר זעט ניט פאַר זיך קיין איין פּריוואַטע קראָם, קיין איין קויש-הענדלער אפן מאַרק. האָט בעמעס די קאָאָפּעראַציִע אַרויסגעשטויסן פון מאַרק דעם פּריוואַטן הענדלער און פאַרכאַפּט זײַנע פּאָזיציִעס. די איינציקע קראָמען, וועלכע פירן א לעבעדיקן האַנדל און זײַנען אַלעמאָל פול מיט קוינים אין א מאַרק-טאָג, זײַנען עס די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען. פון אַלע פּריוואַטע קראָמען זײַנען נאָר געבליבן די שילדן, פאַרלייגטע פרענטן אף די טירן און גרויסע שלעסער. עס קען זיך שוין אויסדאַכטן, אַז מיר האָבן אוועקגעלייגט דעם „שלאָס אף דעם לעצטן יִידישן קרעמל״.

אָבער אַזאַ אויספיר וואָלט געווען דורכויס א פאַלשער. דער פּריוואַטער הענדלער האָט טאַקע פאַרמאַכט זײַן קראָם, אָבער ער וויל ניט אָפּגעבן מיטן גוטן ווילן זײַנע פּאָזיציִעס.

דער פּריוואַטניק האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נײַע באַדינגונגען, אויסנוצנדיק אונדזערע ווירטשאַפטלעכע שוועריקײַטן. ער פירט זײַן האַנדל אָן א פּאַטענט, אָן א קראָם, אָן שילדן און ראַקלאַמעס. דער האַנדל גייט דורך פּאָסילקעס. זיצנדיק אביסל צײַט אף דער פּאָסט, באַמערקן מיר, ווי עס קומען אָן פּאַסילקעס טעגלעך פון מאָסקווע, לענינגראַד, דנעפּראָפּעטראָווסק און אַנדערע אינדוסטריעלע צענטערס, און עס ווערן געשיקט פּאַסילקעס אין די אינדוסטריִעלע צענטערס. אונדז האָט פאַרינטערעסירט, וואָס קומט אָן אין שטעטעלע און וואָס ווערט פון דאָרטן געשיקט. עס קומט אָן הערינג, געזאַלצענע פיש, מאַנופאַקטור, שיך, זייף און אַנד. געשיקט ווערט: פּוטער, סאַלע, עפּל און אַנד. צו יענער צײַט האָט מען געשיקט איבערהויפּט אין דאָנבאַס, כאַרקאָוו, דנעפּראָ-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

פעטראָווסק מאסנוויַיז עפל. ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, איז דער פּרײַז פון עפל אפן פרײַען מארק אין די אינדוסטריַיעלע צענטערס געווען ביז 40-30 רובל א פוד און אין שטשעדרין 10 רוב. א פוד. מיט די באקומענע פּראָדוקטן גייט א שטי־לער בײַט אפן מארק.

אין שטשעדרין זײַנען „ניטאָ" קיין אכסאניעס. עס זײַנען נאָר פאראן צוויי יידן, וועלכע טוען א „טויווע" און לאָזן איבערנעכטיקן די אָנגעקומענע. אז מען דארף, גיט מען עסן אויך פאר 5 רוב. א מעסלעס. אגעוו, קאָרמעט מען אין די אכסאניעס מיט הערינג, געזאלצענע פיש און אנד. פּראָדוקטן (פון די פּאסילקעס), וועלכע זײַנען שוין לאנג ניט געווען אין דער דאָרטיקער קאָאָפּע־ראציַע.

אָט די הענדלעריש-ספעקוליאנטישע עלעמענטן באהאלטן זיך, ביכדיי ניט ארויסצונעמען קיין פּאטענטן, אין דער גרופּע, וואָס האָט ניט קיין „באשטימטע" באשעפטיקונג, און אין דער גרופּע, וואָס ווערט אויסגעהאלטן פון קרויווים. דערפאר וועט אונדז זײַן פארשטענדלעך, פארוואָס אָט די גרופּעס זײַנען פאר דער צײַט אויסגעוואקסן. אויב אין 1924 יאָר זײַנען אָן א באשטימטער באשעפטי־קונג געווען 28 פאמיליַעס, אָדער 6,7% פון דער באפעלקערונג, האָבן מיר צום 1-טן אָקטיאבער 1930 יאָר — 41 פאמיליעס, אָדער 7,4%. אין דער גרופּע זײַנען ארײַן 8 „געוועזענע" הענדלער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 25,9% פון דער גאנצער גרופּע (ז. טאב. 3).

טאבעלע נומ. 3.

„אומבאשטימטע באשעפטיקונגען" און מיט וואָס האָבן זיי זיך פארנומען פריִער.

| | קרעמער | פויערים: מיטעלע | פויערים: באַלע־גופים | אָרעמקייט | קלייקוידעש | קאצאָווים | אָן א באשטימ־טער באשעפ־טיקונג | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבסאָל. . . . . | 8 | 2 | 2 | 7 | 1 | 2 | 9 | 31 |
| % פארהעלט. . . | 25,9 | 6,4 | 6,4 | 22,6 | 3,2 | 6,4 | 29,1 | 100 |

אזא לאגע האָבן מיר אויך מיט דער גרופּע פאמיליַעס, וואָס ווערט אויס־געהאלטן פון קרויווים, צווישן וועלכע עס זײַנען דאָ 10 „געוועזענע" הענדלער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 25,7% פון דער גאנצער גרופּע (ז. טאב. 4).

די שטעטלדיקע אָרגאַנען פאַרינטערעסירן זיך ניט ווי געהעריק אופדעקן דעם האנדל. אין אייניקע פאַלן ווערט ער נאָך אונטערגעשטיצט דערמיט, וואָס עס ווערן ניט ארופגעלייגט קיינע באשטימטע שטײַערן אפילע אף די עלעמענטן, וועלכע האָבן די אכסאַניעס און פירן דעם האנדל אָפן און אין א גאַנץ ברייטן מאסשטאב.

עס וועט אָבער אויך ניט זײַן ריכטיק, ווען מיר וועלן די גאנצע גרופע פאמיליִעס, וועלכע האָבן ניט קיינע באשטימטע באשעפטיקונגען, צופירן צו הענדלער. דאָס איז בעעמעס א גרופע, וועלכע האָט ניט קיין באשטימטע באשעפטיקונג, פראָפעסיִע, ארבעט. אָבער דאָס איז ווײַט ניט די גרופע „אומבאשטימטע", מיט וועלכער עס האָט געהאט צו טאָן די סטאטיסטיק באם באשטימען די באשעפטיקונגען פון די פארשיידענע שיכטן פון דער יִידישער באפעלקערונג ביז דער רעוואָליוציִע. די סטאטיסטיק האָט אמאָל פארשטאנען דעם באגריף „אומבאשטימטע" אלס אזא שיכט פון דער יִידישער באפעלקערונג אין געוועזענעם טכום, וואָס אויב מע זאָל בא אים פרעגן „מיט וואָס פארנעמט איר זיך", איז אים שווער געווען צו ענטפערן, ווײַל ער האָט זיך פארנומען מיט „אלץ" און געשלונגען לופט. אָט דער שיכט איז אין שטשעדרין איצטער פארשוווּנדן. אונטערן באגריף „אומבאשטימטע" מיינען מיר אזעלכע עלעמענטן, וועלכע ארבעטן שוין אף געוויסע געזעלשאפטלעכע נוצלעכע פראָדוקטיווע ארבעטן, נאָר סעזאָנע. א טייל פון זיי פירן זאמד צו דער שאָסע-בויונג, ארבעטן אפן שאָסע, אין וואלד באם אויסהאקן און ארויספירן די האָלץ. דערפאר זעען מיר צווישן דער גרופע א טייל פון דער געוועזענער אָרעמקייט — 7 פאמיליִעס, אָדער 22,6% פון דער גאנצער גרופע. אָט די פאמיליִעס זײַנען נאָך עקאָנאָמיש ניט אײַנגעאָרדנטע. לאָזט זיך אויס די סעזאָנע ארבעט, מוזן זיי זיך אריבעווארפן אף אן אנדער באשעפטיקונג. אָבער וועגן ארבעטלאָזיקייט קען קיין רייד ניט זײַן, אף וויפל די ארבעטלאָזיקייט אין שטשעדרין איז ביכאלל ליקווידירט.

די גרונט-מאסע פון די פאמיליִעס, וועלכע ווערן אויסגעהאלטן פון קרויווים, איז אין גרעסטן טייל איזשדיווענצעס מיט אן אלטן סטאזש (ז. טאב. 4). דאָס זײַנען עלעמענטן, וואָס האָבן פארלאָרן די פייִקייט צו פיזישער ארבעט, אינוואלידן און אלטע לײַט. זיי שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין פילצאָליקע מאסע. דאָס זײַנען יעכידים, אָדער מאן און פרוי. זיי ווערן אויסגעהאלטן הויפּזעכלעך פון קינדער אָדער פון נאָענטע קרויווים. א טייל פון זיי לעבן אוישליסלעך פון דעם, וואָס עס שיקן זיי צו די קרויווים פון אמעריקע. אזעלכע אמעריקאנער געלט קומט ארײַן אין שטשעדרין ביז 400—450 דאָלער א כוידעש. עמעס, ניט די גאנצע סומע באקומט דידאָזיקע גרופע, ווײַל א באדײַטנדיקער טייל פון די אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג האָבן אויך קרויווים אין אמעריקע און באקומען פון זיי א געוויסע שטיצע.

טאבעלע נומ. 4.

**די גרופּע, וואָס ווערט אויסגעהאלטן פון קרויווים, לויט די פריערדיקע באשעפטיקונגען.**

| | הענדלער | פויערים | בעטלער | איזשדיי־ווענצעס | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|
| אבסאָל. . . . . . . . | 10 | 2 | 4 | 23 | 30 |
| % % פארהעלטעניש. . . | 25,6 | 5,1 | 10,2 | 59,1 | 100 |

די פארקלענערונג פון דער גרופּע קוסטארעס אף 19,5% איז איבערהויפּט ארויסגערופן געוואָרן צוליב דעם דעפיציט אין רוי־שטאָף און צוליב דעם איבערפלוס פון ארבעט־הענט אין איינ‍יקע צווייַגן פון דער קוסטארן־פּראָדוקציִע, צ. ב., שנייַדער, שוסטער (זע קאפּ. „קוסטאר־אינדוסטריִע"), דאָס האָט געשטויסן הויפּטזעכלעך דעם ניט קוואליפיצירטן טייל פון די קוסטארן זיך איבערצוקוואליפיצירן. א טייל פון זיי איז איבערגעגאנגען אף לאנדווירטשאפט, הויפּטזעכלעך די שוסטער.

שטשעדרין האָט, פּונקט ווי אנדערע שטעטלעך פון ווייַסרוסלאנד, געגעבן איבערוואנדערער, נאָר אין פארגלייך מיט די איבעריקע איז די אויסוואנדערונג פון שטשעדרין באדייַטנדיק קלענער. צו דעם דארף מען נאָך צוגעבן, אז צוגלייַך מיט דער אויסוואנדערונג פון שטשעדרין איז אויך פאָרגעקומען אן אייַנוואנדערונג. אין די פאראנענע יעדיִעס וועגן דער אויסוואנדערונג זייַנען ניט אָנגעוויזן די יאָרן און עס איז שווער דעריבער פעסטצושטעלן אין וועלכן פעריִאָד איז די אויסוואנדערונג געווען שטארקער. עס זייַנען אויך ניט אָנגעוויזן די צילן און די באשעפטיקונג פון די אויסגעוואנדערטע אין די נייַ־אייַנגעוואנדערטע ערטער, ווייַל די גאנצע איבערוואנדערונג איז געגאנגען סטיכייִש, אויסער איין פאמיליִע, וואָס האָט איבערגעוואנדערט אין קרים, דורכן „געזערד".

אין אלגעמיין, האָבן פאר דער צייַט פון 20־טן יאָר אָן אויסגעוואנדערט 44 פאמיליִעס. לויט זייער באשעפטיקונג גייען אפן 1־טן אָרט פאמיליִעס אָן א באשטימטער באשעפטיקונג, אפן 2־טן אָרט — קוסטארעס א. א. וו. (זע ט. 5).

טאבעלע נומ. 5.

**סאָציִאלע לאגע און באשעפטיקונג פון די אויסגעוואנדערטע פאמיליִעס.**

| קוסטארעס | ארבעטער | הענדלער | פויערים | אומבאשטימטע | אָנגעשטעלטע |
|---|---|---|---|---|---|
| 9 | 3 | 2 | 2 | 27 | 1 |

פון די 44 פאמיליִעס האָבן 29, ד. ה., 65,9% איבערגעוואנדערט אין די גרע-נעצן פון ווײַסרוסלאנד און די איבעריקע אין פארשיידענע שטעט פון ראטן-פארבאנד. וועגן 3 פאמיליעס איז אינגאנצן ניט באוווּסט וווּהין זיי האָבן איבערגע-וואנדערט. פון די 11 פאמיליִעס, וועלכע האָבן איבערגעוואנדערט אין פאר-שיידענע שטעט פון ראטן-פארבאנד, פארנעמען דעם 1-טן אָרט די, וואָס האָבן איבערגעוואנדערט אין די אינדוסטריִעלע צענטערס — 5 פון 11 פאמיליִעס.

טאבעלע נומ. 6.

אין וועלכע שטעט איז געגאנגען די איבערוואנדערונג.

| באָברויסק | מינסק | פאריטש | זשלאָבין | רעטשיצע | האָמעל | קרים | דנעפּראָ-פּעטראָווסק | ראָסטאָוו | סיביר | לענינגראד | גרישינע | דאָנבאס | אומבאַ-ווסט | ווייסרוסלאנד | אויסער די גרענעצן פון ווײַסרוסלאנד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ווײַסרוסלאנד | | | | | | אין ר. ס. פ. ס. ר. און אוקרײַנע | | | | | | | | | |
| 13 | 3 | 3 | 4 | 4 | 2 | 4 | 2 | 2 | 1 | 1 | 1 | 1 | 3 | 29 | 15 |

אויב מע זאָל אײַנטיילן די ערטער, וווּהין די 44 פאמיליִעס האָבן אײַנגע-וואנדערט, לויט ייִשוּווים-טיפּן, האָבן 35 פאמיליִעס, ד. ה. 79,5% אריבערגע-וואנדערט אין שטעט; 3 פאמ. אָדער 6,8% — אין שטעטלעך; 3 פאמ. אָדער 6,8% — אין דאָרף און די איבעריקע אומבאוווּסט. אזוי ארום קענען מיר קומען צום אויספיר, אז די גרעסטע טייל האָט איבערגעוואנדערט מיטן ציל זיך אײַנצוּאָרדענען אין דער אינדוסטריִע, וואָס עס האָט, אָן צווייפל, אויך מיטגעהאָלפן אוועקשטעלן אף א פעסטן עקאָנאָמישן באָדן סײַ די, וועלכע האָבן איבערגעוואנדערט, סײַ די איבערגעבליבענע אין שטעטל.

ביכדיי צו פארגאנצן דאָס בילד פון די סאָציִאל-עקאָנאָמישע פארענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער שטשעדרינער באפעלקערונג פאר די לעצטע יאָרן, עס זאָלן ווערן בוילעט די דערגרייכונגען, וואָס מיר האָבן אפן געביט פון אריבערפירן די ארבעטנדיקע און אָרעמקײַט אף פּראָדוקטיווער ארבעט, וועלן מיר אויך ברענגען אייניקע ציפערן וועגן די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער צאָל פון די וואל-געפאסלטע בירגער.

אויב ס'ס זײַנען צו די וואלן אין שטעטלדיקן ראט אין 1929 יאָר געווען 264 וואל-געפאסלטע, זײַנען צו די וואלן אין 1930 יאָר אופגעשטעלט געוואָרן אין וואל-רעכט 120 מענטשן ד. ה., 45,5% פון די וואל-געפאסלטע. אויב מע זאָל אפילע א טייל פון די וואל-געפאסלטע אין 1929 אוועקשטעלן אפן כעושבן פון די „איבערבויגן", איז דאָך קלאָר, אז די 120 מענטשן זײַנען שוין ארײַנ-

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0011-0020 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

געצויגן געוואָרן אין פארשיידענע געביטן פון פּראָדוקטיווער ארבעט און אין גרעסטן טייל — אין סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון דער שטעטלדיקערווירטשאפט. עס איז איבעריק אויך צו דערמאָנען, אז דאָס איז אָט דער טייל פון די וואָל־געפּאסלטע, וואָס האָט שוין פולשטענדיק איבערגעריסן מיט אומפּראָדוקטיווע באשעפטיקונגען און לעבט פון אייגענער ארבעט. דאָס האָט אונדז שוין באוויזן דער אויבנדערמאָנטער מאטעריאַל. נאָך מער וועט עס פארפעסטיקט מיטן ווייַטערדיקן מאַטעריאַל באם אנאליז פון קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג“.

## 2

# קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג“.

דאָס ערשטע, וואָס עס ציט צו אונדזער אופמערקזאמקייַט אין שטשעדרין, איז דער קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג“, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין הארבסט 1929 יאָר. די שטשעדרינער האָרעפּאשניקעס האָבן זיך אָפּגערופן אפן לאָזונג פון דער פארטיי „ליקווידירן דאָס באלעגופּנטום ווי א קלאס אף דער באזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע“ מיט א מאסאָוון ארייַנטרעטן אין קאָלווירט.

דער קאָלווירט „סאָצ. וועג“ נעמט ארייַן צום ערשטן אָקטיאבער 1930 יאָר 198 פאמיליעס, ד. ה., 47,2% פון דער אלגעמיינער צאָל פאמיליעס אין שטעטל. צוזאמען מיט די פאמיליען־מיטגלידער ציילט ער אָן 841 נעפאשעס, וואָס עס באטרעפט 41,6% פון **דער** גאנצער שטשעדרינער באפעלקערונג. פון דער צאָל נעפאשעס זייַנען פאראן 456 ארבעט־פייִקע, וועלכע גיבן אָפּ זייער ארבעט־קראפט פאר דער אנטוויקלונג און די נויטן פון קאָלווירט. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס אין צענטער פון אונדזער אופמערקזאמקייַט אין שטשעד־רין דארף שטיין דער קאָלווירט, אף וויפל ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם הויפּט־עקאָנאָמישן פאקטאָר פון שטעטל; אף וויפל ער איז א קוואל פון עקסיס־טענץ פאר 41,6% פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג. מיר וועלן שוין ניט ריידן וועגן דער מעלוכישער באדייַטונג פון קאָלווירט, וועלכער האָט שוין ייַיאָר געגעבן 80,000 פּוד סכוירעדיקע גרינסן פארן שטאָט.

בײַכדיי אָפּצושאצן די באדייַטונג פון קאָלווירט פאר שטשעדרין און די ענדערונגען, וואָס ער האָט ארייַנגעבראכט אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון שטעטל, איז נייטיק פריִער פאר אלץ וויסן דעם פּערסאָנאלן באשטאנד פון קאָלווירט לויט די פריִערדיקע באשעפטיקונגען און סאָציאַלער לאגע (זע טאב. 7).



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

די מיטגלידער פון קאָלווירט „סאָצ. וועג“ לויט דער
פריִערדיקער באשעפטיקונג.

| | פויערים | קוסטארעס | אָרעמקייט | ארבעטער און באטראקעס | אָנגעשטעלטע | אָן א באשטימ־טער באשעפ־טיקונג | ניט־ארבעטנדיקע עלעמענטן | קלייקוידעש | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבסאָל. צאָל . | 84 | 26 | 15 | 6 | 6 | 20 | 38 | 3 | 198 |
| % % פארה. | 42,4 | 13,1 | 7,6 | 3 | 3 | 10,1 | 19,31 | 1,5 | 100 |

ווען מיר אנאליזירן דעם סאָציאַלן באשטאנד פון די קאָלווירט-מיט-גלידער, זעען מיר, אז ביזן אריינטרעטן אין קאָלווירט האָבן זיך נאָר 42,4% פארנומען מיט לאנדווירטשאפט (אויך אָט די גרופע איז קימאט אין צוויי מאָל אויסגעוואקסן אין פארגלייך מיט דער צאָל ביז דער רעוואָליוציִע). עמעס, דאָס איז די גרעסטע גרופע אינעם קאָלווירט, אָבער פאָרט ניט די דאָמינירנדיקע.

13,1% זיינען ביזן אריינטרעטן אין קאָלווירט געווען קוסטארעס. דאָס זיינען מערסטנטייל קוסטארעס ניט קיין קוואליפיצירטע. א באדייטנדיקער טייל פון די קוסטארעס זיינען שוסטער, וועלכע זיינען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער פראָדוקציִע צוליבן איבערפלוס פון ארבעט-קראפט אין דעמדאָזיקן צווייג פון דער קוסטאר-פראָדוקציִע. ניט קיין קלענערע ראָלע האָט דאָ אויך געשפילט דער דעפיציט אין רוי-מאטעריאַל, וואָס לאָזט זיך באזונדערס שטארק פילן אין לעדער-פאך. צוליב דעם האָבן זיי אויך ניט געקענט אריינגענומען ווערן אין די קוסטארן-ארטעלן (הייינאָר איז אפילע געווען אן אָפפלוס פון מיטגלידער פון שוסטער-ארטעל. זע ווייטער קאפ. „קוסטאר-אינדוסטריִע“). פאר דעם טייל קוסטארעס איז געשטאנען די פראגע פון איבערקוואליפיקאציִע. דידאָזיקע אין גרונט האָרעפאשנע עלעמענטן האָבן געפונען זייער אָרט אין קאָלווירט.

10,1% האָבן לאכלוטן קיין באשטימטע באשעפטיקונג ניט געהאט. דאָס זיינען עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן פון איין באשעפטיקונג צו דער צווייטער. וועגן קוואליפיקאציִע האָט ניט געקענט זיין קיין רייד, ווייל היינט איז מען געווען א גלעזער, מאָרגן א באלעגאָלע און ווען עס איז ניט געווען קיין אנדער אויסוועג — האָט מען אויך גענומען דעם קאָשיק אף א האנדל צו טאָן. וועגן אזעלכע עלעמענטן זיינען געשאפן געוואָרן אפילע גלייכווערטלעך, און אָפטמאָל מיט אן אנטי-סאָוועטישן אינהאַלט.

די מער טיפישע פון זיי: „ריווקינע באסיע-פייגע, אן אלמאָנע, שטעלט באנקעס, גייט צו קימפעטאָרנס, טוקערן אין באָד און אז. וו. וועגן איר

האָבן די באַלעגופים געשאַפן א ווערטל „דער קאָלווירט וועט געבן א קרענק און באַסיע-פּייגע וועט שטעלן באַנקעס". „סאַמאַרדין ייִסראָעל — א שנײַדער, א פעטשורע, געאַרבעט אפן דאָרף". „וואָלפסאָן טעוויע — א שוסטער, געהאַנדלט, געדרייט זיך אַרום דער פאַרגרייטונג פון פּראָדוקטן פאַר דער קאָאָפּעראַציִע".

צו דערדאָזיקער גרופּע קען מען אויך צורעכענען די גרופּע אָרעמקײַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר 7,6%. דאָס זײַנען געווען עלעמענטן, וועלכע האָבן געזוכט אן אָרט, ווו זיי זאָלן קענען אויסנוצן זייער פיזישע קראַפט אף פּראָ-דוקטיווער אַרבעט און דערמיט זיך זיכערן די עקסיסטענץ. דידאָזיקע מעגלעכ-קײַט האָבן זיי באַקומען אין קאָלווירט.

גאָר א באַדײַטנדיקע גרופּע שטעלט מיט זיך אויך פאָר די געוועזענע ניט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן — 19,3%. דאָס זײַנען געוועזענע הענדלער, קאַצאָ-ווים, אונטערנעמער, אַרענדאַטאָרן א. א. ו. די גרופּע דאַרף אויך דיפערענ-צירט ווערן לויטן פאַרנעם פון האַנדל און אף וויפל זי האָט איבערגעריסן מיט אים ביזן אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט און ווען. דער גרעסטער טייל הענדלער האָט זיך פאַרנומען מיטן קליינהאַנדל. און אַדאַנק דעם, וואָס די געברויך-קאָאָפּעראַציִע איז אַלץ מער אַרײַנגעדרונגען אין שטשעדרין און אין די אַרו-מיקע דערפער, איז זייער לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. פאַר זיי איז געשטאַנען די פראַגע: אָדער פולשטענדיקער אונטערגאַנג, אָדער איבערגיין אף פּראָדוקטיווער אַרבעט. מיר קענען ניט זאָגן, אז די גאַנצע גרופּע ניט-אַרבעטנ-דיקע עלעמענטן איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט נאָך בא דער אָרגאַניזירונג פון קאָלווירט. דאָס איז געווען א לאַנג-דויערנדיקער פּראָ-צעס, וועלכער האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר. שוין אין 1924 יאָר, בא דער ערדאײַנאָרדענונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צײַט אין שטשעדרין, האָט א טייל פון דער גרופּע באַקומען ערד, אף וויפל דערדאָזיקער טייל האָט שוין צו יענער צײַט פאַרלאָרן דעם באָדן און גראָשעדיקן האַנדל. אָט דער טייל איז אַריבער אף פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט און שטעלט מיט זיך פאָר 42,1% (17 פאַמיליִעס) פון דער גרופּע ניט-אַרבעטנדיקע עלע-מענטן. אַזוי אַרום, זײַנען שוין א טייל פון אָט דער גרופּע צו דער אָרגאַני-זירונג פון קאָלווירט געקומען ווי פויערים. אָבער אין דער גרופּע זײַנען אויך אַרײַנגעפאַלן איינציקע אונטערנעמער און געוועזענע גרויסע הענדלער, וועלכע מע האָט ניט געטאָרט צולאָזן צום קאָלווירט, ווי צ. ב. מילנער. דער טאַט קען אַנדערש ניט ווערן אָפּגעשאַצט ווי א טאַט פון רעכטן אָפּאָרטוניזם אין דער קאָלווירט-בוינוג.

ווען מיר וועלן איינטיילן די קאָלווירטניקעס אין צוויי גרופּן לויט דער פריערדיקער באַשעפטיקונג מיט פּראָדוקטיווער און ניט-פּראָדוקטיווער אַרבעט, וועלן מיר באַקומען אַזאַ בילד.

1. פראָדוקטיווע ארבעט: קוסטארעס, ארבעטער און אָנגעשטעלטע — 61,5%, די קוסטארעס האָבן פאקטיש ניט געהאט קיין פעסטן עקאָנאָמישן באָדן אונטער זיך.

2. ניט-פראָדוקטיווע ארבעט: הענדלער, קלייקוידעש, מענטשן אָן א באשטימטער באשעפטיקונג, אָרעמקייַט 38,5%. דאָס זייַנען עלעמענטן, וועלכע האָבן אינגאנצן פארלאָרן דעם עקאָנאָמישן באָדן און זייער אויסוועג איז געווען אָדער אונטערגאנג אָדער אריבערפירן זייער ארט לעבן אף א געזונטן, פעסטן, עקאָנאָמישן באָדן, אריבערגיין אף פראָדוקטיווער ארבעט, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן טיילווייַז ביזן קאָלווירט און איז אינגאנצן געלייזט געוואָרן דורכן קאָלווירט.

ווען מיר וועלן אָבער דעטאליזירן די קאָלווירט-מיטגלידער לויט דער סאָציאַלער לאגע ביזן אריַינטרעטן אין קאָלווירט, וועלן מיר באקומען פאָלגנדיקן בילד:

1. ארבעטער — 3%—(דאָס זייַנען קוסטארישע ארבעטער, וועלכע האָבן ניט די דערפארונג פון דיסציפלין און אָרגאניזאציִע, וואָס עס הערשט אין פאבריק).

2. פויערים און קוסטארעס — ווי ארבעטנדיקע עלעמענטן — 55,5% (די גרונט-מאסע פון קאָלווירט).

3. אָנגעשטעלטע — 3% — דאָס איז די שטעטלדיקע ארבעטנדיקע אינטעליגענץ. זיי זייַנען יורידישע מיטגלידער פון קאָלווירט און העלפן דורכפירן די געזעלשאפטלעכע ארבעט.

4. אָרעמקייַט און אומבאשטימטע באשעפטיקונגען—17,7%. עלעמענטן, וועלכע שטייען נאָענט, לויט זייער סאָציאַלער לאגע, צו די ארבעטנדיקע.

5. ניט-ארבעטנדיקע און קלייקוידעש — 20,8%, וועלכע שטאמען פון א קלאסן-פייַנטלעכע צו אונדז סוויווע.

די פארשיידנארטיקייַט פון סאָציאַלן צוזאמענשטעל פון קאָלווירט האָט זיך אָפּגערופן אפן גאנצן קאָלווירטישן לעבן. עס האָט זיך אין אים אָפּגעשפיגלט דער פארשאפטער קלאסן-קאמף, וואָס עס קומט פאָר ארום דער קאָלווירטישער באוועגונג ביכלאל און אין קאָלווירט ביפראט.

דער הענדלערישער טייל, וועלכער וויל ניט שאָלעם מאכן מיט די נייַע באדינגונגען, און כאָלעמט נאָך ארויסרייַסן זיך צוריק צום האנדל, קוקט אפן קאָלווירט, ווי אף אן אָרט, וועלכער דארף אים געבן א מעגלעכקייַט דורכצושטופן די צייַט ביז ער וועט קענען צוריק עפענען זייַן קרעמל. אָט דער עלעמענט פארבינדט זיך מיטן באלעגוף, וואָס געפינט זיך אויסערן קאָלווירט, און ער שטעלט מיט זיך פאָר די באלעגופישע אגענטור אין קאָלווירט. דידאָ-

זיקע עלעמענטן ווארטן אויס אף יעדער געלעגנהײַט, קעדיי אופרײַסן דעם קאָלווירט פון אינעווייניק. דערבײַ ניצן זיי אויס יעדע שוועריקײַט, וואָס באווײַזט זיך נאָר אין דער ארבעט.

באם אראָפּנעמען דאָס גערעטעניש אין קאָלווירט, האָבנדיק 75 העקטאר גאָרטן, וואָס נייטיקן זיך אין א גרויסער צאָל ארבעט-הענט, האָט זיך געפּאָדערט א באזונדערע אָנגעשטרענגטקײַט מיצאד די מיטגלידער פון קאָלווירט. עס זײַנען הײַיאָר נאָך צוגעקומען שוועריקײַטן מיט דעם, וואָס אין שניט-צײַט זײַנען געווען קעסיידערדיקע רעגנס, און דאָס האָט נאָכמער פארגרעסערט די צאָל נייטיקע ארבעט-הענט. קיין ספּעציעלע מאשינעס אראָפּצונעמען די גערעטעניש פון גאָרטנווארג האָט נאָך ניט דער קאָלווירט. ער איז נאָך אין סטאדיע פון אָרגאניזאציע און האָט נאָך ניט געהאט די נייטיקע דערפארונג אפן געביט פון ארבעט-אָרגאניזאציע, הויפּטזעכלעך אין שניט-צײַט, ווען עס פּאָדערט זיך א באזונדערע אײַזערנע דיסציפּלין און אויסגערעכנטקײַט באם פארטיילן די ארבעט-קויכעס און ארבעט-צײַט — דאָס אלץ האָט נאָך מער פארגרעסערט די שוועריקײַטן באם אראָפּנעמען די גערעטעניש.

די שוועריקײַטן אין דער שניט-קאמפּאניע האָבן אויסגענוצט די קלאסן-פײַנטלעכע עלעמענטן אף פּרווון אופרײַסן דעם קאָלווירט פון אינעווייניק דורך דעם, וואָס זיי וועלן ארײַנברענגען א דעזאָרגאניזאציע אין דער ארבעט פון קאָלווירט. זיי האָבן געשטרעבט צו ברענגען דעם קאָלווירט אין אזא לאגע, אז א טייל פון דער גערעטעניש זאָל בלײַבן פוילן אף די פעלדער, דערמיט ווילן זיי דערווײַזן די אומנוצלעכקײַט און שעדלעכקײַט פון דער קאָלווירטישער בויונג און אף אזא אויפן קאָמפּראָמעטירן די קאָלווירטישע באוועגונג אין די אויגן פון די ארומיקע אָרעם-מיטלפויערישע מאסן.

אונטערן לאָזונג „ראָשאָשאָנע, יאָמקיפּער”, וואָס איז גראָד אויסגעפאלן צו דער צײַט פון אראָפּנעמען דאָס גערעטעניש פון גאָרטנווארג, האָבן די קלאסן-פײַנטלעכע עלעמענטן געפּרווט דעזאָרגאניזירן די ארבעט, אגיטירנדיק די אָפּגעשטאנענע קאָלווירטניקעס, אז אין די רעליגיעזע יאָנטויווים זאָל מען ניט ארויסגיין אף דער ארבעט, וואָס עס האָט זיך זיי אין א געוויסער מאָס אײַנגעגעבן. ראָשאָשאָנע איז, אויסער דעם יוגנטלעכן אקטיוו, ניט ארויס אף דער ארבעט די גרעסטע מערהײַט פון די עלטערע קאָלווירטניקעס. אָט די עלעמענטן אין פארבינדונג מיט די שטעטלדיקע באלעגופים און קלייקוידעש האָבן זיך געמיט ארײַנברענגען א צערודערונג אין דער גאנצער ארבעט. 10 ארבעט-טעג האָט דער קאָלווירט פארלאָרן אדאנק דער צעלייגערישער ארבעט, וואָס עס האָבן געפירט דידאָזיקע עלעמענטן. עס האָט געדראָט א געפאר, אז דאָס גערעטעניש זאָל בלײַבן פוילן אפן פעלד.

אָט דידאָזיקע עלעמענטן האָבן ווי אן אגיטאציע-מיטל אויסגענוצט אונדזערע ווירטשאפטלעכע שוועריקײַטן, ביכדיי צו ווירקן אפן אָפּגעשטאנענעם האָרע-

פאשניק-קאָלווירטניק. די אגיטאציִע איז געגאנגען אין אזא ריכטונג: „ניש-קאָשע, אז איר וועט ניט ארבעטן ראָשאָשאָנע און יאָמקיפּער, וועט איר קריגן דאָסזעלביקע, ווי איר וועט ארבעטן. א מענטש איז ניט קיין פערד, ער מעג אָפּרוען. מער ווי געזונט וועט אײַך פון דעם ניט צוקומען".

אין א שמועס מיט אייניקע קאָלווירטניקעס האָט איינער ארויסגערוקט אזא טײַנע:

— „איר ווילט מיר זאָלן ארבעטן ראָשאשאָנע, יאָמקיפּער, און שטיוול גיט איר אונדז"? דערבײַ טראָגט ער אונדז אונטער א פּאָר צעריסענע שטיוול גלײַך אונטערן נאָז.

א קאָלווירטניק פון דער אָרעמקײַט מישט זיך ארײַן:

— „און אין דערהיים האָט איר געהאט א פּאָר גוטע שטיוול און שיך? איך האָב גאָרנישט געהאט, ערשט דאָ האָט מען מיר געגעבן א פּאָר נײַע שטיוול און א קאָסטיום. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, ווי איך האָב א נײַעם קאָסטיום".

אף דעם באקומט ער אן ענטפער:

— „פאר אים איז טאקע דער קאָלווירט גוט, ער האָט גאָרנישט געהאט און קריגט אלץ".

ווי איר זעט, באמיִען זיך דידאָזיקע עלעמענטן, אויסער דעם, וואָס זיי נוצן אויס אונדזערע ווירטשאפטלעכע שוועריקײַטן, אויך אופשטעלן דעם מיטל-פויער קעגן דער אָרעמקײַט — „ער האָט גאָרניט און קריגט אלץ", ד. ה., דער מיטלפויער האָט ארײַנגעטראָגן אין קאָלווירט מערער און באקומט מיקלוימערשט גאָרנישט.

דאָ איז קעדײַ צו דערמאָנען דעם קאמף, וואָס עס האָבן געפירט די באלע-גופים קעגן די פרווון פון קאָלעקטיוויזאציִע, וועלכע זײַנען נאָך געמאכט געוואָרן אין יאנוואר 1928 יאָר. אָט וואָס עס שרײַבט וועגן דעם דער כ' שיק, אגראָנאָם פון „אָרט", וועלכער ארבעט אין שטשעדרין, אין זײַן באריכט:

„איך האָב אויסגעפאָרשט די מעגלעכקײַט פון אָרגאניזירן א קאָלווירט...

איך האָב צוזאמענגערופן צוויי פארזאמלונגען, אף וועלכע עס זײַנען בײַגעווען דער פאָרזיצער פון נאציִאָנאַלן ראט, דער סעקרעטאר פון קאָמוניסטישן קעמערל און 15 פאמיליעס. אף די פארזאמלונגען האָט זיך ארויסגעוויזן, אז 5 פאמי-ליִעס האָבן אײַנגעשטימט אָרגאניזירן אן ארטעל. די 5 פאמיליִעס זײַנען די מער אָרעמע... 10 פאמיליִעס, וועלכע זײַנען באשטאנען דורכויס פון מיטל-פויערים און פארמעגלעכע, האָבן געמאָלדן, אז זיי זײַנען מאסקים צו אָרגא-ניזירן אן ארטעל, נאָר זיי ווילן צושטעלן זייער רעשימע פון די גרינד'ער, די פינף אָרעמע וועלן זיי אָבער אין ארטעל ניט נעמען, ווײַל זיי זײַנען ווייניק ארבעטספעיקע.

פארשטייט זיך, אז דער ארטעל איז ניט אָרגאניזירט געוואָרן אדאנק דעם, וואָס דעם באַלעגוף האָט זיך דעמלט איַינגעגעבן אופשטעלן דעם מיטלפויער קעגן דעם אָרעמען, וועלכן מע האָט געשטעמפלט פאר א לאָדיר. דעמזעלביקן מיטל פרווון זיי אויך איצטער אָנווענדן, ווען דער פארטיי האָט זיך שוין איַינגעגעבן פולשטענדיק צו איזאָלירן דעם מיטלפויער פון דעם באַלעגוף, ווען דער מיטלפויער גייט שוין מאסנוויַיז אין קאָלווירט צוזאמען מיטן אָרעמען פויער.

באם אראָפּנעמען די קארטאָפל האָט מען א טייל פון דער גערעטעניש פארטיילט צווישן די קאָלווירט-מיטגלידער אף באזאָרגן זיי דערוויַיל מיט דעם פראָדוקט. אָבער אויך דאָס האָבן אויסגענוצט די באַלעגופישע עלעמענטן.

אף דעם זאָגט איידעס פאָלגנדיקער פאקט:

אין דער קאנצעליאריע פון קאָלווירט ריַיסט זיך אריַין א ייִדענע מיט א געשריי און אליארם:

— „וואָס פאר א קארטאָפל האָט איר מיר געגעבן? ניסלעך קליינינקע האָט איר מיר געשיקט! פרעסט איר די קארטאָפל, איך וועל אזעלכע קארטאָפל ניט נעמען, אפן גאס וועל איך זיי ארויסשיטן"!

זי קלאפט דערביַי אין טיש און אָט-אָט, דוכט זיך, ווארפט זי זיך אפן פאָרזיצער פון קאָלווירט, כ' אָלשאנסקי, און קלאפט אים אָן די ביינער.

מיך פארינטערעסירט דער איניען. ווי עס וויַיזט אויס, איז זי ניט קיין איינציקע. פאראן דערביַי א גרופּע, וועלכע האָט א באשטימטע אויסרעכענונג.

איך פרעג בא א קאָלווירטניק:

— „פארוואָס ריַיסט איר זיך אלע נאָך די גרויסע קארטאָפל? איר קענט דאָך די קליינע קארטאָפל געבן דער בעהיימע און די גרויסע לאָזן פאר זיך".

ער דערקלערט מיר אָבער, אז זיי באקומען אזויפיל קארטאָפל, וואָס קען קלעקן סיַי פאר דער בעהיימע, סיַי פאר דער געזינט און עס וועט נאָך אביסל איבערבליַיבן אף פארקויפן. פארקויפן לוינט אָבער בעסער גרויסע קארטאָפל. דאָ איז מיר געוואָרן פארשטענדלעך, אז די פארטיילונג פון קארטאָפל-גערעטעניש גיט א מעגלעכקיַיט דעם קאָלווירטניק צו רעאליזירן א טייל פון דער גערעטעניש אפן פריַיען מארק, וואָס עס באמיַען זיך אויסצונוצן די הענדלערישע עלעמענטן, ווי א מיטל אראָפּצוריַיסן די ארבעט פון קאָלווירט און אליין אונטערספּעקולירן.

אין רעזולטאט פון אזא ארבעט מיצאד די קלאסן-פיַינטלעכע עלעמענטן און אדאנק דעם, וואָס עס איז ניט געווען די געהעריקע וואכזאמקיַיט מיצאד דער פארוואלטונג צו געבן א ווידערשטאנד אָט דידאָזיקע עלעמענטן האָט דער קאָלווירט פארלאָרן: א טייל פון אָפּגעשניטענעם האָבער, וואָס איז ניט צו דער ציַיט אראָפּגעפירט געוואָרן; די קעלבער האָבן צעטראָטן די סערעדעלע; עס איז

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0015-0027 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ניט אראָפגענומען געוואָרן די קארטאָפל-באָטווינע אף סילאָסירן; טײלווײַז איז צעפוילט געוואָרן היי אף די פעלדער און א. וו.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס דער קאָלווירט פארמאָגט א גענוגנדיקע צאָל ארבעט-הענט צום אראָפנעמען די קארטאָפל, — האָט מען געמוזט צודינגען ארבעט-קראפט צוליב דעם, וואָס עס זײַנען אראָפגעריסן געוואָרן 10 ארבעט-טעג, בײס די רעליגיִעזע יאָמטויווים.

אָבער דידאָזיקע עלעמענטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו דעזאָרגאניזירן דעם קאָלווירט, וואָס האָט אוועקגעשטעלט אף א פעסטן עקאָנאָמישן באָדן קימאט א העלפט פון דער שטעטלדיקער באפעלקערונג. אלס ענטפער אף די ארויסטרעטונגען פון די קלאסן-פײַנטלעכע עלעמענטן, האָט די קאָלווירטישע מאסע גראָד צו יאָמקיפער פאנאנדערגעוויקלט ברייט דעם סאָצגעוועט און שלאָג-בריגאדעס (ביז יענער צײַט איז ניט געווען אָנגעווענדעט דער סאָצגעוועט און שלאָג-בריגאדעס ווי אן ארבעט-מעטאָד). עס זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן דרײַ דעזאָרגאניזאטאָרן פון קאָלווירט. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט פול-שטענדיק אראָפצונעמען די קארטאָפל און דעם גאָרטנווארג פון די פעלדער.

ניט געקוקט אף די אלע שוועריקײַטן און פארשארפטע קאמפן, האָט דער קאָלווירט גרויסע דערגרייכונגען שוין פאר דעם ערשטן יאָר פון זײַן עקזיסטענץ.

דער קאָלווירט האָט באקומען צוויי טראקטאָרן, וועלכע ווערן אויסגענוצט ווי מעכאנישע קראפט בא פארשיידענע ארבעטן, ווי צ. ב. באם שנײַדן סילאָס און אנד. עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א צירקוליארקע אף שנײַדן ברעטער מיט דער הילף פון טראקטאָרן פארן געברויך פון קאָלווירט. מע האָט אויסגעבויט א סילאָס-טורעם אף 25 טויזנט פוד סילאָס. עס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן 2 זײַער-קעלערס אף צו פארזײַערן 20 טויזנט פוד אוגערקעס און 10 טויזנט פוד קרויט. עס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן צוויי שטאלן פאר 200 בעהיימעס.

דער קאָלווירט רעכנט אויך, אויסער גערטנערײַ, אנטוויקלען פי-צוכט. שוין באם איצטיקן מאָמענט [האָט דער קאָלווירט 333 בעהיימעס: 234 קי, 97 — יונגווארג און צוויי פראָדוצירער. פאראן א ספּעציִעל אײַנגעאָרדנטער מילך-זאוואָד אף איבערארבעטן די מילך אין פוטער און האָלענדער קעז. דער זאוואָד קען ניט ארבעטן נאָרמאל, ווײַל די סטאדע איז צו קליין אף צו געבן אים דעם געהעריקן סכום מילך.

די מעכאנישע מיל, וואָס האָט פריִער געהערט צו א פריוואטן מילנער, איז איצטער איבערגעגאנגען אין רעשוס פון קאָלווירט. די מיל באדינט אויסער דעם קאָלווירט אויך די ארומיקע פויערים. (גענוי וועגן לעבעדיקן און טויטן אינווענטער זע טאבעלע 8).

דער קאָלווירט „סאָציִאליסטישער וועג" האָט ארום 20 פאמיליִעס ווײַסרו-סישע פויערים. אף אזא אויפן האָט ער זיך גלײַך געשטעלט אפן וועג פון



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0015-0028 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אינטערנאַציאָנאַליזאַציע. דאָ איז וויכטיק אָנצווײַזן, אַף די דערגרייכונגען,
וואָס מיר האָבן אין שטשעדרין אין געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרברי-
דערונג צווישן דער ייִדישער און ניט-ייִדישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג.

טאַבעלע נומ. 8.

### ידיעס וועגן צושטאַנד פון קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג" צום 1-טן אָקטיאַבער 1930 (1

| | |
|---|---|
| צאָל פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכע ווירטשאַפֿטן | 198 |
| צאָל נעפּאַשעס | 841 |
| פון זיי — מאַנסביל | 424 |
| פרויען | 417 |
| צאָל אַרבעטספייִקע | 456 |
| פון זיי — מאַנסביל | 222 |
| פרויען | 234 |
| ערד-נאַכלע | 1500 ה. |
| פון דעם — אַקער-ערד | 1200 ה. |
| לאָנקע | 300 ה. |

**לעבעדיקער אינווענטאַר:**

| | |
|---|---|
| פערד | 106 |
| בעהיימעס | 234 |
| נאָכוווּקס | 102 |
| פּראָדוצירער-אָקסן | 2 |
| יונגע כאַזיירים | 118 |
| כאַזערטעס | 10 |
| פּראָדוצירער-כאַזיירים | 2 |
| בינשטאָקן | 30 |

**געבײַדעס:**

| | |
|---|---|
| סילאָס-טורעם | 1 |
| ווין-שטיבער | 6 |
| פּי-שטאַלן | 13 |
| אַנד. | 3 |

**לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס און מאַכשירים:**

| | |
|---|---|
| טראַקטערס | 2 |
| פלוגן 1 קאָרפּוסנע | 56 |

1) אָנגעגעבן בלויז דער וויכטיקסטער אינווענטאַר.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0016-0029 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

| | |
|---|---|
| פלוגן 2 קאָרפּוסנע | 4 |
| בראָנעס הילצערנע מיט אײַזערנע ציין | 43 |
| זיגזאַג-בראָנעס | 5 |
| פעדער-בראָנעס | 2 |
| זיי-מאשינעס | 4 |
| שנייד-מאשינעס | 7 |
| מאשין אף קאָסיען | 1 |
| פערד-גראַבליעס | 2 |
| דרעש-מאשינעס | 4 |
| זיפּ-מאשינעס | 3 |
| שטרוי-שנײַדער | 1 |
| סילאָס-שנײַדער | 1 |
| קארטאָפל-גרעבער | 2 |

אין 1924 יאָר, בייס דער שטעטלדיקער ערד-אײַנאָרדענונג, האָבן די באלעגופים און די קלייקוידעש אידעאָלאָגיש באארבעט די אָפּגעשטאנענע אָרעם און מיטל-פּויערישע מאסע, אז מע זאָל צונעמען בא די ווײַסרוסן די „ייִדישע״ ערד, וואָס זיי האָבן „פארכאפּט״ אין דער צײַט פון בירגער-קריג. עס זײַנען געפאָרן קאָמיסיִעס נאָך קאָמיסיִעס צו רעגולירן דעם איניען. צום סאָף האָט מען א טייל ווײַסרוסישע פּויערים איבערגעזעצט אף פרײַער ערד, צוויי וויאָרסט פון שטשעדרין, אף דער אזויגערופענער פּערמע.

איצטער האָבן זיך דיזעלביקע ייִדישע און ניט-ייִדישע פּויערים פאראייניקט אין קאָלעקטיוו „סאָציִאליסטישער וועג״, ארבעטן געמיינזאם און זײַנען איבער-געגעבן מיט לײַב און לעבן דעם קאָלווירט. די ייִדישע האָרעפּאשניקעס האָבן דערזען, אז זייער סוינע איז ניט דער ווײַסרוסישער פּויער, נאָר דער אייגע-נער באלעגוף. זיי האָבן באשײַמפּערלעך דערזען, אז זייער סוינע זײַנען די קלייקוידעש, וועלכע העלפן די באלעגופים און ווילן אראָפּרײַסן די קאָלוויר-טישע בויונג.

בא דער ארבעט בארימען זיך ביידע, סײַ דער ייִדישער, סײַ דער ניט-ייִדישער קאָלווירטניק, די געוועזענע פּויערים פון אלע מאָל, מיט זייער ארבעט.

פארנאכטלעך, דער ארבעט-טאָג האלט שוין באם סאָף. צוויי פּויערים שטייען באם סטאָג פון גריקע. זיי ברענגען אים אין אָרדענונג, ביכדיי די גריקע זאָל בעסער טריקענען. איינער איז א ווײַסרוס, דער צווייטער — א ייִד. ביידע הייבן אָן א שמועס וועגן דער ארבעט אין קאָלווירט.

— איך זאָג זיי, אז ניט אזוי דארף מען טריקענען גריקע.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

— מע דאַרף לייגן אָט אַזוי די גריקע (ווײַזט מיט דער האַנט, אַז מע דאַרף לייגן די גריקע שיטערלעך, ביכדיי דער ווינט זאָל קענען בעסער טריקענען).

— די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער זײַנען סמאַרקאַטשעס.

— פאַרשטייען נאָך גאָרנישט.

— מע דאַרף זיי לערנען.

— נישקאָשע, זיי וועלן זיך אויסלערנען!

— אַז ניט, וועלן מיר זיי אויסלערנען.

— מע דאַרף אײַנשפּאָרן אַרבעט.

— וועט דעם קאָלווירט זײַן בעסער.

— דער קאָלווירט מוז זײַן אַ מוסטער.

— אַז אַלע פּויערים זאָלן וועלן גיין אין קאָלווירט.

איר וועט ניט אונטערשיידן די ווערטער פון די ביידע פּויערים צו וועמען זיי געהערן, ווײַל זיי ריידן בעשוטפעס. איינער הייבט אָן און דער אַנדערער פאַרענדיקט, און ביידע האָבן אין זינען איין זאַך — ווי בעסער און ראַציאָנעלער אויסנוצן די אַרבעט, ביכדיי אַלע פּויערים זאָלן וועלן גיין אין קאָלווירט. דאָס זײַנען פּויערים אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט וואָס זײַנען מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער קאָלווירטישער בויונג.

מיר מוזן אָבער אויך דערמאָנען, אַז אויך אַף אָט דעם פראָנט שלאָפן ניט די באַלעגופים און קלייקוידעס. אויך דאָ באַמיִען זיי זיך פאַנאַנדערפלאַקערן דעם נאַציאָנאַלן האַס, ביכדיי אָראָפּרײַסן די קאָלווירטישע בויונג. אָט וואָס ס׳דערציילט די שטשעדרינער צײַטונג, וועלכע איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן צו דער איבערוואַל-קאַמפּאַניע.

אין ווײַסרוסישן קאָלווירט „פּראָבוזשדעניע" איז געווען אַ סרייפע. עס איז נייטיק געווען באַלדיקע הילף; דער קאָלווירט „פּראָבוזשדעניע" האָט זיך געווענדעט נאָך הילף אין שטשעדרין. די פײַערלעשער-קאָמאַנדע האָט געבעטן דעם פאַרוואַלטער פינקעלשטיין, ער זאָל געבן פון דער קאָלווירטישער קאָנושנע אַ פּאָר פערד. האָט ער געגעבן אַ פּאָר קליאַטשעס, באַהאַלטנדיק די גוטע פערד, דערבײַ האָט ער צוגעגעבן, אַז „אַ שאָד צו פּאַטערן גוטע פערד פאַר אַ „פרעמדן" קאָלווירט".

דער קאָלווירט איז נאָך אין פּעריאָד פון אָרגאַניזירן זיך. ער האָט, אָן צווייפל, גרויסע פּערספּעקטיוון אין זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. שטשעדרין איז אײַנגעשלאָסן אין פּלאַן פוןווירטשאַפטלעכער אײַנאָרדענונג פון די שטעטלעך. דער קאָלווירט קען אַרײַנציִען נאָך אַ באַדײַטנדיקע צאָל נײַע מיטגלידער, די אָן-ערדיקע האָרעפּאַשנע אָרעמקײַט. מע דאַרף געדענקען, אַז דער קאָלווירט ספּעציאַליזירט זיך אַף גערטנערײַ און פיצוכט. באַם איצטיקן מאָמענט ווערן ניט אויסגענוצט אין פאַרזיי-אומזאַץ 700 העקטאַר ערד; 300 העקטאַר אונטערוואַלדיקער באָדן (ליאַדעס) און 400 העקטאַר זאַמדיקער באָדן. ווען מע זאָל די 300 העק-

טאַר אויסקאָרטשעווען און די 400 לֿיופֿיניזירן, אַרייַנעמען זיי אין פאַרזיי-אום-
זאַך, וועט עס געבן אַ מעגלעכקייַט אַרייַנצונעמען די גאַנצע אַרבעט-קראַפֿט
פֿון די האָרעפֿאַשנע פֿאַמיליִעס און דעקלאַסירטע אָרעמקייט, וועלכע זייַנען נאָך
עקאָנאָמיש ניט אייַנגעאָרדנט. באַ דעם וועט די פֿעלד-אַרבעט מוזן מעכאַניזירט
ווערן; ווען ניט, וועט אויספֿעלן אַרבעט-קראַפֿט אין דער צייַט פֿון אַראָפּנעמען
דאָס געטרעטעניש.

עס איז אויך דאָ אַ פּראָיעקט אויסצונוצן די פֿרייַע אַרבעט-קראַפֿט פֿון
קאָלווירטניקעס אין ווינטער-צייַט. שטשעדרין ליגט ניט ווייַט פֿון טייַך בערע-
זינאַ. פֿאַריטשער ראַיאָן רעכנט זיך אויך פֿאַר אַ וואַלד-ראַיאָן און נייטיקט
זיך אין לֿאָזע אַף בינדן די קלֿעצער צום ספּלֿאַוו. פֿון אַלֿעמאָלֿ האָט זיך די
שטשעדרינער באַפֿעלֿקערונג פֿאַרנומען מיט דרייען לֿאָזע. אַמאָלֿ איז עס געווען
איינע פֿון די הויפּט-באַשעפֿטיקונגען אין שטשעדרין.

הייַיאָר וועט באַם קאָלווירט אָרגאַניזירט אַן אַרטעלֿ פֿון 50 מאַן אַף דרייען
לֿאָזע. דאָס וועט, אָן צווייפֿלֿ, אויך אויסבעסערן די מאַטעריִעלע לֿאַגע פֿון
די קאָלֿווירטניקעס און גלֿייַכצייַטיק וועט אויסגעניצט ווערן ראַציִאָנעלֿ די
אַרבעט-קראַפֿט פֿון קאָלֿווירט.

ווען מיר באַטראַכטן די לֿאַגע פֿון קאָלֿווירט, מוזן מיר קומען צו פֿאָלֿגנדיקע
אויספֿירן:

1. דער קאָלווירט האָט ראַדיקאַל געענדערט די סאָציִאַל-עקאָנאָמישע פֿיזי-
אָנאָמיִע פֿון דער שטשעדרינער באַפֿעלֿקערונג. אַדאַנק אים זייַנען אַרייַנגעצויגן
געוואָרן 47,2 פּראָצ. פֿון דער שטשעדרינער באַפֿעלקערונג אין דעם סאָציִאַ-
ליסטישן סעקטאָר פֿון דער פֿאָלֿקווירטשאַפֿט. דער קאָלֿווירט האָט אַוועקגע-
שטעלט אַף אַ פֿעסטן עקאָנאָמישן באָדן אַ גרויסן טייל פֿון דער שטעטלדיקער
אָרעמקייַט און האָרעפֿאַשניקעס.

2. דער קאָלווירט האָט אַ פּערספּעקטיוו פֿון וווּקס און האָט די מעגלעכקייַט
אַרייַנצוציִען די האָרעפֿאַשניקעס און די שטעטלֿדיקע אָרעמקייַט, וואָס זייַנען
נאָך ביז איצט עקאָנאָמיש ניט אייַנגעאָרדנט.

3. צוזאַמען מיטן וווּקס און עקאָנאָמישער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון קאָלווירט,
באַמיִען זיך די נעפּמאַנישע, באַלֿעגופֿישע, קלעריקאַלע עלֿעמענטן און זייערע
אונטערלֿעקער, וועלֿכע זיצן טיילווייַז אין קאָלווירט, אופֿרייַסן אים פֿון אינע-
ווייניק און דערמיט קאָמפּראָמעטירן די קאָלֿווירטישע בויונג און די נאַציִאָנאַלע
פּאָליטיק פֿון דער ראַטן-מאַכט. דאָס ווייַזט אַף דער נייטיקייַט צו אָפּרייניקן
דעם קאָלווירט, אַרויסוואַרפֿן די קלאַסן-פֿייַנטלֿעכע און פֿרעמדע עלֿעמענטן,
וועלכע האָבן זיך אין אים אַרייַנגעכאַפּט.

4. ניט געקוקט אַף דער שעדיקונג-אַרבעט פֿון די קלאַסן-פֿייַנטלֿעכע עלע-
מענטן, האָט דער קאָלווירט פֿאַר דעם יאָר גאָר גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע דער-
גרייכונגען, כאָטש ער געפֿינט זיך נאָך אין פּעריִאָד פֿון אָרגאַניזירן.

5. ' גרויסע דערגרייכונגען האָט דער קאָלווירט אפן געביט פון אינטערנאַציאָנאליזאציע. אים האָט זיך איינגעגעבן צוזאמענשמעלצן די יידישע מיט די ווייסרוסישע קאָלווירטניקעס אין דער פּראקטישער קאָלווירטישער בוויוגג און באדייטנדיק באקעמפן די נאציאָנאל-באגרענעצטקייט און -שאָוויניזם, וואָס איז קינסטלעך געשפּייזט געוואָרן און ווערט געשפּייזט פון דער באלעגופישער, נעפּמאנישער, קלעריקאלער סוויווע.

6. אדאנק דעם קאָלווירט זיינען אויך אוועקגעשטעלט געוואָרן אף א פעסטן עקאָנאָמישן באָדן די איבעריקע האָרעפּאשניקעס פון שטעטל, ווי צ. ב. די קוסטארעס א. אנד. (זע ווייטער), וועלכע געפינען זיך אויסערן קאָלווירט.

7. עס פירט זיך ניט קיין סיסטעמאטישע ארבעט מיט דער אָרעמקייט סיי אין, סיי אויסערן קאָלווירט. אדאנק דעם באווירקן נאָך די קלאסנפיינטלעכע עלעמענטן אפן אָפּגעשטאנענעם טייל פון דער אָרעמקייט.

עס דארף פארשטארקט ווערן די ארבעט צווישן דער אָרעמקייט, אָרגאניזירן די אָרעמקייט אין קאמף קעגן די קלאסנפיינטלעכע עלעמענטן, וועלכע ווילן אראָפּרייסן די ארבעט אין קאָלווירט. די ארבעט דארף זיין א סיסטעמאטישע ארום קאָנקרעטע פראגן פון קאָלווירטישן לעבן.

## 3

## קוסטאר־אינדוסטריע

אין שטשעדרין האָבן מיר 95 פאמיליעס קוסטארעס, פון זיי — 62 אָרגאניזירטע אין די ארטעלן. לויט דער פּראָפעסיע פארנעמען דעם ערשטן אָרט די שוסטער — 26 פאמיליעס, אָדער 27,5 פּראָצ. פון די קוסטארעס. שניידער — 25 פאמיליעס און שמידן — 20 פאמיליעס, אָדער 21 פּראָצענט, א. א. וו. (זע טאבעלע 9).

טאבעלע נום. 9.

### פּראָפעסיאָנעלער באשטאנד פון די קוסטארעס.

| | שניידער | | שוסטער | | שמידער | | סטאָלע-ברענער ארטעל | בויער | בעקער | סטאָלער | פאריקמאכער | קלעפּער | וואָלבערשטער | זייגערמאכער | באלעגאָלעס | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אלגעמיינע צאָל | פון זיי אין ארטעל | אלגעמיינע צאָל | פון זיי אין ארטעל | אלגעמיינע צאָל | פון זיי אין ארטעל | | | | | | | | | | |
| אבסאָליוטע . | 25 | 18 | 26 | 22 | 20 | 17 | 5 | 2 | 2 | 2 | 1 | 1 | 1 | 1 | 7 | 95 |
| % פּארהעלט. | 20,4 | 72 | 27,5 | 84,6 | 21 | 85 | 5,3 | 2,1 | 2,1 | 2,1 | 1 | 1 | 1 | 1 | 7,4 | 100 |

עס זײַנען פאראן 4 ארטעלן: שוסטער-ארטעלֿ, שנײַדער, שמידער און סמאָלֿע-ברענער.

## ש נ ײַ ד ע ר - א ר ט ע ל.

דער שנײַדער-ארטעלֿ ציילט 18 מיטגלידער, אָדער 72 פּראָצענט פון אלֿע שנײַדער אין שטשעדרין. כוץ דעם האָט ער 5 שילער און איין אָנגעשטעלטן. סאכאקל זײַנען אין אים באשעפטיקט 24 מענטשן.

דער ארטעל האָט זיך אָרגאניזירט אין 1928 יאָר, אין יאנוואר כוידעש, מיט 4 מיטגלֿידער און איז אויסגעוואקסן פאר דער צײַט לויט דער צאָל מיט-גלֿידער אף 450%, און לֿויט דער צאָל באשעפטיקטע מענטשן אף 600%. אין ארטעלֿ זײַנען פאראן 3 צעכן: שנײַדער, נייטערקעס און קירזשנער.

די אלֿגעמיינע אויסארבעטונג פארן 1929/30 ווירטשאפט-יאָר באטרעפט 47,932 רובלֿ לֿויטן זעלבסטקאָסט. אויב מיר וועלן פארגלײַכן די פּראָדוקציִע פון ארטעל לֿויטן זעלבסטקאָסט קווארטאלנווײַז, וועלֿן מיר זען דעם קאָלאָ-סאלן וווּקס פון ארטעל פאר דעם לעצטן יאָר.

פארן 1-טן קווארטאל — 9.364 רובל
„ 2-טן „ — 11.417 „
„ 3-טן „ — 13.039 „
„ 4-טן „ — 14.112 „

ד. ה. אין פארגלֿײַך מיטן 1-טן קווארטאל איז די פּראָדוקציִע אין 4-טן קווארטאלֿ אויסגעוואקסן אף 50,8%. אין דערזעלביקער צײַט זײַנען די צאָל מיטגלֿידער אויסגעוואקסן אינגאנצן פון 16 אף 18, ד. ה., 12,5%.

דערדאָזיקער וווּקס פון דער פּראָדוקציִע האָט זיך אָן צווייפל אָפּגערופן אפן ארבעט-לוין פון די מיטגלֿידער. אויב אין 1-טן קווארטאלֿ באטרעפט דער דורכשניטלֿעכער פארדינסט פון די מיטגלידער 50 רובל 86 קאָפּ., באטרעפט ער אין 4-טן קווארטאלֿ 61 רובל 78 קאָפּ., ד. ה. א וווּקס פון 21,5%.

צום 1-טן אָקטיאבער 1930 יאָר האָט דער ארטעל געהאט א זאפּאס פון רוי-מאטעריִאלֿ אף א סומע פון 9710 רובל. אויב מיר וועלן אָנעמען זייער דורכשניטלעכע אויסארבעטונג פון רוי-שטאָף אף 3000 רובל (די יערלֿעכע אויסארבעטונג פון רוישטאָף באטרעפט 36.125 רובלֿ) א כוידעש, האָבן זיי א זאפּאס אף איבער 3 כאדאָשים, אין דער צײַט ווען צום 1-טן אָקטיאבער 1929 יאָר האָט דער ארטעלֿ געהאט א זאפּאס נאָר אף איין כוידעש-צײַט.

ווען מיר טראכטן זיך אײַן אין די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוון פון שנײַדער-ארטעלֿ, מוזן מיר אָנווײַזן, אז גרויסע פּערספּעקטיוון אף אנטוויקלען זיך האָט דער ארטעלֿ ניט.

די אינדוסטריִאלֿיזאציע פון לאנד, וואָס קומט פאָר מיט אומגעהויערע טעמפּן, שטויסט ארויס די קוסטארעריַ פון די פּראָדוקציִע-צווײַגן, וועלֿכע ווערן מאשי-

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0018-0034 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ניזירט און גייען אריבער אף מאסן-פראָדוקציִע. דער פּראָצעס ווערט נאָך פארגרעסערט דערמיט, וואָס מיר האָבן א דעפיציט אין רוישטאָף גראָד אין דידאָזיקע פראָדוקציִע-צווייַגן.

די קוסטארעס ווערן מאסנווייַז ארייַנגעצויגן אין די ארטעלן, וואָס איז דער ערשטער שטאפּל אריבערצוגיין אף סאָציִאליסטישע פּראָדוציר-יעסוידעס. דערמיט ווערט אויך פארגרינגערט זייער לאגע. בענויגייע דעם קוסטאר, ווי א האָרעפּאש-ניק, ווערט אף אזא אויפן פארווירקלעכט דער לענינישער פּרינציפּ „דורך דער קאָאָפּעראציִע צום סאָציִאליזם". מיר האָבן אָבער א ריי קוסטארישע פּראָדוקציִע-צווייַגן, אין וועלכע עס איז פאראן א גרויסער איבערפלוס פון ארבעט-קראפט, ווי צ. ב. שנייַדער, שוסטער א. אנד. א טייל פון דידאָזיקע קוסטארעס וועלן זיך מוזן איבערקוואליפיצירן. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען אלץ גיכער, וואָס גיכער עס וועט אויסוואקסן די פאבריק-זאוואָדישע פּראָדוקציִע אין דידאָזיקע פּראָדוקציִע-צווייַגן. וואָס עס איז שייַעך די גרויסע שטעט, ווערן די ארטעלן אָרגאניזירט אין א גרויסן פארנעם. אין מינסק, צ. ב., איז פאראן א שנייַדער-ארטעל „פּראָ-לעטארי" מיט נאָענט צו 1000 מיטגלידער, וואָס ווערט אלץ מער מעכאניזירט. ווען מירריידן אָבער וועגן די קליינע שוסטער- און שנייַדער-ארטעלן אין די שטעטלעך, האָבן זיי ניט קיין פּערספּעקטיוו פון גרויסן וווּקס. זיי בלייַבן אין טאָך קליינע, נאָר פארגעזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען, און ווי אזעלכע, האָבן זיי נאָר א פּערספּעקטיוו צו בלייַבן אף ארבעטן מיטן רוישטאָף פון געברויכער (דעם באשטעלער), און דאָס אויך ניט אף א לאנגער צייַט, ווייַל די מאסן-פּראָדוקציִע פון דער פאבריק מאכט דעם פּראָדוקט אזוי ביליק, אז עס לוינט ניט דעם געברוי-כער אליין צו קויפן דעם רוישטאָף און אליין אייסעקן זיך מיטן אוועקגעבן באארבעטן דעם רוישטאָף. פאר דידאָזיקע ארטעלן בלייַבט איבער נאָר איין געביט פון פּראָדוקציִע-טעטיקייַט, דאָס איז — פאריכטן די פּארטיקע קליידער פון דער קאָאָפּעראציִע, וועלכע האָבן די אָדער יענע דעפעקטן, און פאריכטן אלטע, איבערניצעווען א. א. וו. ווי איר וועט זען ווייַטער, איז דער שוסטער-ארטעל פּאקטיש שוין אריבערגעגאנגען אף אזא ארבעט. אף אזא אויפן וועלן די ארטעלן זייַן אייַנגעצאמטע, קליינע, אָבער וועלן בלייַבן נייטיק פאר דער אָרטיקער באפעלקערונג.

דעריבער וועט דער שטשעדרינער שנייַדער-ארטעל ניט קענען פארברייטערן זיך, ניט געקוקט אף דעם, וואָס ער האָט באם איצטיקן מאָמענט אזויפיל ארבעט, אז ער נייטיקט זיך אין ארבעט-הענט. דאָס איז נאָר א צייַטווייַליקע דערשייַ-נונג. דער ארטעל האָט אָבער דאָך א פּערספּעקטיוו און וועט עקזיסטירן ווי אן ארטעל אף אויספילן די אויבנדערמאָנטע פונקציעס. די קוסטארעס-יעכידים שנייַדער, וואָס זייַנען געבליבן אויסערן ארטעל, וועלן זיך מוזן איבערקוואַ-ליפיצירן.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

מיט דער פראגע פון איבערקוואליפיצירונג איז ענג פארבונדן די פראגע וועגן פארטיילן ריכטיק די ארבעטער-רעסורסן פון דער שטעטלדיקער באפעלקערונג — ד. ה., די קאָנטינגענטן-פראגע. ס'איז קלאָר, אז פון דעם טייל קוסטארעס, וואָס ארבעט אף דעפיציטן רוי-שטאָף און איז פאָרגעשטעלט אין די שטעטלעך אין א גרויסער צאָל, וועט דאָס איבערקוואליפיצירן זיך קענען פאָרקומען אף צוויי אויפאנים — אָדער צופאסן זיך צו די אנטוויקלונג-פערספעקטיוון פון דער אָרטיקער אינדוסטריע, אָדער איבערוואנדערן אף אן אָרגאניזירטן אויפן אין אָט די ערטער, ווו די גרויסע אינדוסטריע פאָדערט ארבעטהענט און אף די פרייע ערד-פאָנדן. אין דער ערשטער ריי וועט זיך שטעלן די דיזיקע פראגע בענויגייע דעם ווינציק-קוואליפיצירטן טייל פון דער דערמאָנטער גרופע קוסטארעס.

שטשעדרין, אלס א יִשעוו פון אן אויסגעשפראָכענעם לאנדווירטשאפטלעכן טיפ, איז עפשער אין דעמדאָזיקן פראט ניט גענוג טיפיש, נעמענדיק אין אכט, וואָס דער גרעסטער טייל שטעטלעך אין ווייסרוסלאנד געהערט צו דעם אזוי-גערופענעם „געמישטן" טיפ [1].

אנדערש איז די לאגע מיט די ארטעלן, וועלכע ארבעטן אפן אָרטיקן רוי-שטאָף צ. ב., סמאָלע-ברענער און אנדערע. דידאָזיקע צווייגן פון דער פראָדוקציִע זיינען בא אונדז שוואך אנטוויקלט און מיר נייטיקן זיך גראָד אין זיי. עס ווערן אָנגענומען א ריי מאָסמיטלען פון דער ראטן-רעגירונג אף אנטוויקלען די קוסטארעריי פון דידאָזיקע פראָדוקציִע-צווייגן, וועלכע האָבן גרויסע פערספעקטיוון פון וווקס. אף דעם געביט ווערן אָפגעלאָזן באדייטנדיקע קרעדיטירונגען. א טייל פון די קוסטארעס, וועלכע ווערן ארויסגעשטויסן פון יענע צווייגן פון דער קוסטאר-פראָדוקציִע, וואָס האָבן אן איבערפלוס פון ארבעט-קראפט, דארפן זיך איבערקוואליפיצירן אף די פראָדוקציִע-צווייגן, וועלכע ארבעטן אפן אָרטיקן ניט דעפיציטן רוי-מאטעריִאל. דאָס קען אויך געטאָן ווערן אין שטשעדרין (זע, וועגן ארטעל סמאָלע-ברענער).

### שוסטער-ארטעל

אין ארטעל זיינען פאראן 22 מיטגלידער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 84,6% פון אלע שוסטער אין שטשעדרין. כוץ דעם ארבעטן דאָרט 3 שילער, איין אָנגעשטעלטער. סאכאקל 26 מענטשן.

1) באם איצטיקן טאָג פירט דורך די סאָציאל-עקאָנאָמישע קאָמיסיע באם יִדסעקטאָר וואַ"ק און די נאצ. קאָמיסיִע בא צ. א. ק. ווססר א גענויע אויספאָרשונג פון א ריי שטעטלדיקע יִשוּווים. די רעזולטאטן פון דערדאָזיקער אויספאָרשונג וועלן, צווישן אנדערע, געבן א מעגלעכקייט צו באלויכטן די קאָנטינגענטן-פראגע אפן סמאך פון א באדייטנדיקן פאקטישן מאטעריאל.

רעדאקציִע.

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0019-0036 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דער ארטעל האָט זיך אָרגאניזירט אין 1927 יאָר אין יאנוואר כוידעש. צום 1-טן אָקטיאבער 1928 יאָר האָט ער געהאט 14 מיטגלידער און איין אָנגעשטעלטן. אף אזא אויפן איז דער ארטעל אויסגעוואקסן (אָן די שילער) אף 57 פראָצענט.

די אלגעמיינע פראָדוקציִע פארן 1929/30 ווירטשאפט-יאָר באטרעפט לויטן זעלבסטקאָסט 57.564 רובל. אָבער דאָ האָבן מיר אן אנדער בילד ווי אין שנײַדער-ארטעל.

אין 1-טן קווארטאל באטרעפט די פראָדוקציִע פון ארטעל לויטן זעלבסטקאָסט . . . . . . . . 16.647 רובל
אין 2-טן קווארטאל באטרעפט די פראָדוקציִע פון ארטעל לויטן זעלבסטקאָסט . . . . . . . . 10.532 „
אין 3-טן קווארטאל באטרעפט די פראָדוקציִע פון ארטעל לויטן זעלבסטקאָסט . . . . . . . . 11.116 „
אין 4-טן קווארטאל באטרעפט די פראָדוקציִע פון ארטעל לויטן זעלבסטקאָסט . . . . . . . . 9.305 „

אויב מיר זאָלן אָנעמען דעם 1-טן קווארטאל פאר 100, איז אין 4-טן קווארטאל די אויסארבעטונג דערגאנגען צו 66%. אין דערזעלביקער צײַט האָט זיך דער ארבעט-לוין אײַנגעהאלטן קימאט אף דערזעלביקער הייך — אין ערשטן קווארטאל — 64 רובל 45 קאָפּ., אין 4-טן קווארטאל — 64 רובל מיט 12 קאָפּ. בא דעם דארף מען ניט פארגעסן, אז די צאָל מיטגלידער איז אויסגעוואקסן פאר דער צײַט בלויז אף 1 מענטשן. דאָס דערקלערט זיך פריִער פון אלץ מיט דעם, וואָס דער מאנגל אין רוישטאָף פילט זיך באזונדער שטארק אין לעדער-פאך. אין דער ערשטער ריי ווערן דעריבער באזאָרגט די שוך-פאבריקן. דער מאנגל אין לעדער האָט זיך באזונדערס שטארק אָנגעהייבן פילן פון יאנוואר-כוידעש. דערפאר זעען מיר, אז ביז יאנוואר כוידעש האָט דער ארטעל א טענדענץ צו וואקסן. צום 1-טן יאנוואר דערגרייכט די צאָל מיטגלידער 23, די צאָל שילער—9, אָנגעשטעלטע—1, צוזאמען 38 מענטשן אָנשטאָט די איצטיִקע 26. א טייל מיטגלידער זײַנען אינגאנצן אוועק פון ארטעל אין קאָלווירט.

זינט דעם 1-טן יאנוואר באמערקט זיך א קאָלאָסאלע פארקלענערונג פון ארבעט-לוין, וועלכער דערגרייכט דורכשניטלעך 45 ר. 63 קאָפּ. דאָ איז אופגעקומען די פראָבלעם פון אריבערפירן דעם ארטעל אף אנדערע רעלסן. דער ארטעל איז אריבערגעגאנגען אויסשליסלעך אף פאריכטן שיך, בא וואָס עס פאָדערט זיך ווייניקער רוישטאָף. די אלגעמיינע פראָדוקציִע באטרעפט דעריבער ווייניקער, גיט געקוקט אף דעם, וואָס די גרייס פון ארבעט-לוין האָט זיך אײַנגעהאלטן, ווי אין 1-טן קווארטאל, און האָט א טענדענץ צו וואקסן.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

קיין אנדערע פערספעקטיוון, ווי פאריכטן שיך, האָט דער ארטעל ניט. און אין אזא נייטיקט זיך דאָס שטעטל. די איבעריקע 4 שוסטער-יעכידים, וועלכע געפינען זיך אין שטעטל, קענען אין אים ניט ארײַנגענומען ווערן, און האָבן ניט קיין פערספעקטיוון אף צו בלײַבן זעלבשטענדיקע באלעבאטים. אויך פאר זיי, ווי פאר די שנײַדער, שטייט די פראגע וועגן איבערקוואליפיקאציִע. עס קען זײַן, אז אויך א באדײַטנדיקן טייל פון די ארטעלשטשיקעס וועט אויסקומען צו פארלאָזן דעם ארטעל און זיך איבערקוואליפיצירן.

צום ערשטן אָקטיאבער 1930 יאָר האָט דער ארטעל געהאט א זאפאס פון רוישטאָף אף 4394 רובל בא א דורכשניטלעכן געברויך פאר דער פראָדוקציִע אין דער סומע פון 2500 רובל א כוידעש, ד. ה. א זאפאס אף 1,5 כאדאָשים.

## ארטעל „רויטער שמידער“.

דער שמידער-ארטעל האָט צום 1-טן אָקטיאבער 1930 יאָר געהאט 17 מיטגלידער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 85% פון אלע שמידן אין שטשעדרין. כוץ דעם האָט ער געהאט 11 שילער און 2 אָנגעשטעלטע, צוזאמען—30 מענטשן.

דער ארטעל האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1927 מיט 9 מיטגלידער, 3 שילער, 1 אָנגעשטעלטן. סאכאקל האָט ער דעמלט באשעפטיקט 13 מענטשן. אף אזא אויפן איז דער ארטעל אויסגעוואקסן לויט דער צאָל מיטגלידער אף 189%, לויט דער צאָל מענטשן, וועלכע ער באשעפטיקט, אף 130,7%.

די אלגעמיינע פראָדוקציִע פון ארטעל פארן 1929/30 ווירטשאפט-יאָר באטרעפט לויטן זעלבסטקאָסט 17,975 רובל.

ווען מיר פארגלײַכן די פראָדוקציִע, זעען מיר אויך דאָ א קאָלאָסאלן וווּקס קווארטאלנווײַז.

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1-טער | קווארטאל — | 2.252 | רובל. |
| 2-טער | „ | — 3.171 | „ |
| 3-טער | „ | — 5.689 | „ |
| 4-טער | „ | — 12.552 | „ |

אויב מיר זאָלן אָנעמען די סומע 2252 רובל פון ערשטן קווארטאל פאר 100, וועלן מיר אין 4-טן קווארטאל האָבן א וווּקס פון 457%. צוגלײַך מיט דעם איז אויסגעוואקסן דער דורכשניטלעכער פארדינסט פון די ארטעל-מיטגלידער. אויב אין ערשטן קווארטאל איז דער דורכשניטלעכער פארדינסט געווען 50 ר. 67 ק., באטרעפט דער דורכשניטלעכער פארדינסט אין 4-טן קווארטאל 82 ר. א כוידעש, ד. ה., א וווּקס פון 164%. צום 1-טן אָקטיאבער 1930 האָט דער ארטעל געהאט א זאפאס פון רוי-מאטעריאל אף 4.000 רובל. אויב מיר זאָלן רעכענען דעם דורכשניטלעכן געברויך פון רוימאטעריאל אף א כוידעש 1.100 רובל, האָט דער ארטעל געהאט א זאפאס אף 3 כאדאָשים ארבעט. דער

ארטעל, וועלכער האָט זיך אָרגאַניזירט אַף אַ גרויסן פּלאַץ מיט אַ קליין געבײַדעלע, איז ארומגעוואקסן געוואָרן מיט אייניקע נײַע געבײַדעס פאַר די קוזניעס און פאַר די סטעלמאכער. די סטעלמאכער האָבן אפילע אַ מעכאַנישן באַוועגער, וועלכער ווערט געטריבן דורך בענזין.

מיט וואָס דערקלערט זיך דער וווקס און די זיכערקײַט פון ארטעל, וועלכער האָט אָן צווייפל אויך גרויסע פערספעקטיוון? דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער ארטעל איז דירעקט צוזאַמענגעבונדן מיט דער קאָלעקטיוויזאַציִע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער קאָלעקטיוויזאַציִע וואַקסט דער ארטעל. אַף דעם ווײַזט דער שטאַרקער וווקס פון דער פּראָדוקציִע אין 3-טן און 4-טן קוואַרטאַל. ער אַרבעט הויפּטזעכלעך אַף רעמאָנט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און אַרבעט אויס נײַע וועגענער, רעדער, שליטנס און אַנדערע. וואָס עס איז שײַעך דעם רעמאָנט, באַדינט ער הויפּטזעכלעך די ארומיקע קאָלעקטיוון. נײַע וועגענער, שליטנס, רעדער נעמט בא אים צו דער באָברויסקער ווײַסקוסטגעווערב-פאַרבאַנד.

דער ארטעל וואָלט שוין איצטער געקענט אַרבעטן אין 2 מישמוירעס פאַר די נייטן פון דער קאָלעקטיוויזאַציִע, נאָר עס פעלט רוישטאָף — אײַזן.

פון די איבעריקע קוסטאַרעס שמידן זײַנען ארײַנגעצויגן געוואָרן אין די לעצטע כאָדאָשים פון 1930 נאָך 2 מיטגלידער אין ארטעל, אַזוי אַז באַם איצטיקן מאָמענט איז געבליבן נאָר איין שמיד אַ קוסטאַר-יאָכיד, וועלכער וויל שוין שטאַרבן, ווי „אַ באַלעבאָס פאַר זיך".

ניט אומזיסט באַמיט זיך אויך דאָ דער קלאַסן-סוינע אראָפּצורײַסן די אַרבעט אין ארטעל, אָדער, ווייניקסטנס, דעזאָרגאַניזירן די אַרבעט און דערמיט שאָדן ברענגען ניט נאָר דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דער קוסטאַר-פּראָדוקציִע, נאָר אויך אַ קלאַפּ טאָן איבער דער קאָלעקטיוויזאַציִע, וואָס איז די הויפּט-געפאַר פאַר דער עקסיסטענץ פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. די פײַנטלעכע עלעמענטן האָט זיך אײַנגעגעבן אראָפּרײַסן די אַרבעט אין ארטעל ראָשאַשאָנע און יאָמקיפּער. די קלייקוידעש אין דינסט פון די באַלעגופים האָבן פאַרטראַכט זייער אָנגריף-פּלאַן אין די הייליקע טעג אַפן גאַנצן פראָנט, וואָס עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַדאַנק דער ניט גענוגנדיקער וואַכזאַמקײַט מיצאַד די פּאַרטייִשע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען.

אויך דער שמידער-ארטעל, ווי דער קאָלווירט, האָט זיך געשטעלט אַפן וועג פון אינטערנאַציִאָנאַליזאַציִע. צווישן די מיטגלידער איז פאַראַן 1 ווײַסרוס און צווישן די שילער — 3.

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0021-0039 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## ארטעל פון סמאָלע-ברענער.

דער סמאָלע-ברענער ארטעל באשטייט פון 5 מיטגלידער און באשעפטיקט 6 מענטשן. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 יאָר מיט 7 מיטגלידער. נאָר צוויי, געוועזענע ספעקוליאנטן, זײַנען אָפּגעפאלן, אָדער בעסער געזאָגט, זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן, ווײַל זיי האָבן געוואָלט פארוואנדלען דעם ארטעל אין א פריוואט-פאבריק אף צו עקספּלואטירן פרעמדע ארבעט-קראפט און אליין אין דער פּראָדוקציִע ניט נעמען קיין אָנטייל.

דער ארטעל ארבעט אויס חמאָלע און שפיגינאָר. די סכוירע ווערט אָפּגעזעצט אין „מעלוכע-האנדל" (גאָסטאָרג). דער ארטעל פארמאָגט 2 קעסלען, איינער — אין שטשעדרין, וועלכע געפינט זיך צווישן 4 וועלדער, און איינער — אין וואלד גופע.

די אויסגעארבעטע פּראָדוקציִע, לויטן זעלבסטקאָסט, באטרעפט פארן 1929/30 ווירטשאפט-יאָר 14.951 רובל. אויב מע וועט פארגלײַכן מיט די פריִערדיקע יאָרן, וועט זיך באקומען אזא בילד:

| | | |
|---|---|---|
| 1927/28 יאָר | — 5.500 | רובל |
| 1928/29 „ | — 11.928 | „ |
| 1929/30 „ | — 14.951 | „ |

ד. ה. א וווקס פון דער פּראָדוקציִע אין פארגלײַך מיטן 1927—1928 ווירטשאפט-יאָר אף 71%, דערבײַ דארף מען נאָך דערמאָנען, אז אין 1930 יאָר האָבן, צוליב רעמאָנט, די ארטעלן ניט געארבעט 2 כאדאָשים — יוני און יולי.

דער דורכשניטלעכער ארבעט-לוין איז אויך אויסגעוואקסן:

| | | |
|---|---|---|
| אין 1927/28 | — 45 | רובל |
| „ 1928 | — 60 | „ |
| „ 1929 | — 75 | „ |

1930 צום 1-טן אָקטיאבער — 90 רובל. ד. ה., א וווקס אף 100% אין פארגלײַך מיטן דורכשניטלעכן פארדינסט פון 1927 יאָר.

דער ארטעל האָט א זאפּאס דוישטאָף ביז מארט כוידעש 1931 יאָר.

ניט ווײַט פון שטשעדרין געפינען זיך צוויי וואלד-דאטשעס צו 20 טויזנט דעסיאטין יעדערע. כוץ דעם געפינען זיך ניט ווײַט די ראדומער און קאזימיראָווער וואלד-דאטשעס — צו 8 טויזנט דעסיאטין יעדערע. די וועלדער זײַנען רײַך מיט בעריאָזע-בוימער, ווערט דעריבער פּראָיעקטירט פארברייטערן דעם ארטעל אף נאָך 6 קעסלען צו טרײַבן בעריאָזעווע ספירט, וואָס איז באם איצטערדיקן מאָמענט אן אימפּאָרט-ארטיקל, און דאָס קען ארײַנציִען נאָך 30 מענטשן אין ארטעל.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0021-0040 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

### אײניקע אויספירן.

די קוסטאר-אינדוסטריִע, וועלכע איז פאַרייניקט אין די ארטעלן, וואקסט פון יאָר צו יאָר. א באזונדער שטארקן וווּקס האָבן מיר פארן לעצטן יאָר. דאָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורכן רעקאָנסטרוקטיוון פּעריִאָד פון דער סאָציִאליסטישער בויונג.

די קוסטארן-יעכידים פארשווינדן און פארלירן אלץ מער זייער באדײַטונג אין דער קוסטאר-פּראָדוקציִע.

אין אָט די צווײַגן פון דער קוסטאר-אינדוסטריִע, ווו עס איז געווען אן איבער-פלוס פון ארבעט-הענט, ווערט דער איבערפלוס ליקווידירט דורך דעם, וואָס א טייל פון די קוסטארעס גייען איבער אין דער לאנדווירטשאפט, אין קאָלווירט.

אדאנק דעם, וואָס די קוסטארעס האָבן זיך אָרגאניזירט און עס איז ליק-ווידירט געוואָרן דער איבערפל.ס פון ארבעט-הענט אין די ארטעלן, האָט זיך שטארק פארבעסערט די מאטעריִעלע לאגע פון די קוסטארעס גופע.

די קוסטארן-ארטעלן, וועלכע זײַנען פארנומען אין דער באדינונג-בראנזשע (שנײַדער, שוסטער), זײַנען טיילווײַז אריבערגעגאנגען און וועלן אינגאנצן אריבערגיין אף ארבעטן מיטן רוימאטעריאל פונעם באשטעלער -- אף פאריכטן קליידער און שוכווארג פאר דער שטעטלדיקער און ארומיקער לאנדווירט-שאפטלעכער באפעלקערונג.

די קאָלעקטיוויזאציִע פון לאנדווירטשאפט האָט ארויסגערוקט שארף די פראגע פון פארפעסטיקן די קוסטארישע פּראָדוקציִע, אין וועלכער זי נייטיקט זיך. דערפאו זעען מיר א שטארקן וווּקס פון דעם שמידן-ארטעל. דער ארטעל האָט א ווײַטערדיקע טענדענץ צום וואקסן, וואָס שטארקער עס וועט ווערן די קאָלעקטיוויזאציִע. ער וועט הויפטזעכלעך פארוואנדלט ווערן אין א שליאָסער-שמידישן רעמאָנט-ווארשטאט פאר די מאשינעס פון די קאָלווירטן, וועלכע מאשיניזירן וואָס ווײַטער אלץ מער די פעלד-ארבעט.

עס האָבן א שטארקע טענדענץ צו וואקסן די ארטעלן, וועלכע ארבעטן אפן אָרטיקן רוישטאָף. דאָס זײַנען די ארטעלן פון סמאָלע-ברענער און לאָזעקרוטעס.

פאראן נאָך א טייל קוסטארעס פון פארשיידענע פאכן, וואָס האָבן פאר-לאָרן זייערע פערספעקטיוון, ווי צ. ב. באלעגאָלעס, כיילעווּשמעלצער, וואָל-בערשטער א. א. וו., וועלכע זײַנען נאָך בא איצטיקן מאָמענט עקאָנאָמיש ניט אײַנגעאָרדנט און דארפן זיך איבערקוואליפיצירן.

4

## קולטור און שטייגער פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג

די שטשעדרינער קלייקוידעש האָבן טרײַ געדינט דעם גאָט פון קאפיטאל. זיי האָבן מיט אלע מעגלעכקײַטן געזען, אז די האָרעפּאשנע מאסן זאָלן



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0022-0041 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

כלײַבן אין קלעם פון דער רעליגיע און דערמיט זיי אָפּהאלטן פון רעוואָליוציאָנערן קאמף. זיי האָבן אָנגעווענדט אלע מיטלען, אז דער האָרעפּאשניק זאָל ניט האָבן קיין צוטריט צו וועלטלעכער בילדונג און זאָל פארבלײַבן אן אמאָרעץ. דערבײַ האָט מען ספּעקולירט און פארפינצטערט די מויכעס פון די האָרעפּאשנע מאסן מיט דער גוטהארציקײַט פון ליובאוויטשער רעבן, וועלכער האָט, קלויערשט, געטאָן יידן א טויווע און זיי באזעצט אף ערד (זע אויבן).

מיר האָבן אין שטשעדרין אן אָנדענק פון יענער צײַט, ווען עס האָט געהערשט די שווארצע קליקע צוזאמען מיטן יידישן גוויר. שטשעדרין האָט פארמאָגט 12 באָטעמעדראָשים. יעדער גוויר האָט געפונען פאר זײַן כויווצולייגן א האנט פאר דער זאך פון דער שווארצער קליקע און אויסבויען א בעסמעדרעש. די גאַלאָדעצס האָבן געהאט צוויי באָטעמעדראָשים. אפילע די „שאפּטשאָוויטשעס" האָבן אויך ניט אויסגעמיטן שטשעדרין. די גרעסטע פערדגאנאָווים האָבן זין אויך אויסגעבויט א בעסמעדרעש און האָבן דערמיט זיך גרינגער געמאכט אף דער נעשאָמע באם גאנווענען. האָבן די שטשעדרינער האָרעפּאשניקעס טאקע אָנגערופן דעם בעסמעדרעש פון די „שאפּטשאָווי-טשעס" — „דעם ליובאוויטשערס שול".

אין שטשעדרין האָבן ביז דער רעוואָליוציע געבליט כאדאָרים און יעשיוועס. אף דעם האָבן די „שיינע" באלעבאטים ניט געזשאלעוועט קיין מי און געלט. אין 1912 יאָר האָט „אָפּע" געפּרוווט אָרגאניזירן א שול אין שטשעדרין און באקומען שוין אף דעם די רערלויבעניש פון צארישן בילדונג-מיניסטר שווארץ. אָבער אויך דאָס איז געווען פאר די שטשעדרינער קלייקוידעש און שטעטלדיקע גווירים צו „רעוואָליוציאָנער". זיי האָבן ניט געקענט פארטראָגן, אז די קינדער פון האָרעפּאשניקעס זאָלן באקומען, צוזאמען מיט דער רעליגיעזער דערציונג, כאָטש א ביסעלע וועלטלעכע לימודים. פאר זיי איז וויכטיק געווען, אז די קינדער פון די האָרעפּאשניקעס זאָלן דערצויגן ווערן ווי בלינדע שקלאפן פון דעם קאפּיטאליסט און פון דער רעליגיע. דער באברויסקער ראָוו שנייערסאָן האָט אוועקגעשיקט א בריוו צו די באלעבאטים פון שטשעדרין, אז זיי זאָלן אָנעמען מיטלען אף ניט דערלאָזן אָרגאניזירן די שול [1]). עס איז אויך פאראן א מיינונג, אז דער באברויסקער ראָוו שנייערסאָן האָט זיך געווענדעט מיט א ביטע צום בילדונג-מיניסטער שווארץ, ער זאָל צוריקציען די דערלויבעניש אף עפענען די שול. און דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן. אָט וואָס פאר א „הארציקע נאָענטקײַט" עס האָט עקסיסטירט צווישן דעם צארישן בילדונג-מיניסטעריום און דעם יידישן קלעריקאליזם.

די שטשעדרינער ארבעטער און האָרעפּאשניקעס האָבן אין די שטורעמדיקע יאָרן פון 1904-1905 אָרגאניזירט א ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָט זיך

[1]) דער אריגינאל פון בריוו געפינט זיך אין מינסקער היסטאָרישן מוזיי



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0022-0042 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אויך געפונען אומלעגאלע מארקסיסטישע ליטעראטור. אין די רעאקציע יאָרן האָבן די אָרטיקע באַלעבאטישע זינדלעך, די ציאָניסטן, פארכאפט די ביבליאָטעק, אָפּגערייניקט פון איר די „שעדלעכע" סאָציאַליסטישע ליטעראטור, און געשפּײַזט דעם לייענער ביז דער רעוואָליוציע מיט העברעיִשער און יִדישער נאציאָנאליסטישער ליטעראטור. דאָס, וואָס עס האָבן פארפעלט די קלעריקאלן, האָבן פארפולט די ציאָניסטן. אזוי האָט אויסגעזען דאָס „קולטורעלע" לעבן פון שטשעדרין ביז דער רעוואָליוציע.

די אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט ארײַנגעבראכט קאָלאָסאלע ענדערונגען אין קולטורעלן לעבן פון דער האָרעפּאשנער באפעלקערונג אין שטשעדרין.

פון 1920 יאָר עקסיסטירט א 4-יאָריקע יִדישע ראטן-שול. זי איז בעהאַדראָגעדיק געוואקסן און ציילט איצטער 190 שילער. אלע קינדער פון שול-עלטער זײַנען ארומגעכאפּט מיט דער שול און אף אזא אויפן ווערט פולשטענדיק דורכגעפירט דער געזעץ פון אלגעמיינער אָבליגאטאָרישער אָנפאנג-בילדונג.

מיט דער אָרגאניזאציע פון קאָלווירט איז אויך אָרגאניזירט געוואָרן א שול פאר דער קאָלווירטישער יוגנט אף יִדיש, וועלכע האָט שוין הײַיאָר צוויי גרופּעס מיט 46 שילער.ביידע שולן נעמען אן אָקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פון קאָלווירט און העלפן מיט דער קולטורעלער ארבעט אין שטעטל.

עס איז אויך אָרגאניזירט געוואָרן אן אָוונט-שול פאר די קאָלווירטניקעס אף יִדיש, אין וועלכער עס לערנען זיך 87 צוהערער אין עלטער פון 18 ביז 33 יאָר. צווישן זיי פארנעמען א באדײַטנדיקן אָרט פרויען — 32.

כוץ דעם ווערט לעבהאפטיק ליקווידירט די אמעראצעס. א גרויסן אָנטייל אין דער ליקווידאציע פון אמעראצעס נעמען די יִדישע שילער פון דער קאָל-ווירטישער שול.

ביז הײַיאָר האָבן א טייל ווײַסרוסישע קינדער זיך געלערנט אין דער יִדי-שער שול. צום 1930/31 לערן-יאָר איז אָרגאניזירט געוואָרן אן איין-קאָמפּלעקטע ווײַסרוסישע שול, אין וועלכער עס לערנען זיך 17 קינדער.

באזונדערס שטארק כאראקטעריזירט דעם קולטורעלן וווּקס פון דער שטשעדרינער האָרעפּאשנער באפעלקערונג די צאָל צײַטונגען און זשורנאלן, וואָס ווערן אויסגעשריבן. איבערהויפּט איז אויסגעוואקסן די צאָל צײַטונגען אין פארגלײַך מיטן פאָריקן יאָר.

אויב אין 1929 יאָר זײַנען אויסגעשריבן געוואָרן 45 עקזעמפּליארן צײַטונ-גען און קיין איין זשורנאל ניט, ווערן אויסגעשריבן אין 1930 יאָר 248, פון זיי קינדער-פּרעסע — 82, און 23 זשורנאלן. (זע די בײַגעלייגטע רעשימע).

פאראיאָרן איז אויסגעשריבן געוואָרן 11 עקזעמפּליארן „אָקטיאבער", הײַיאָר 64 ד. ה., א וווּקס אף קנאפּע 500 פּראָצענט. די „פּראווּדא" — 6 עקזמ., הײַיאָר 16 — א וווּקס אף 130 פּראָצ. — די „זוועזדא", וואס איז גאָרניט אויס-געשריבן געוואָרן, האָט הײַיאָר — 10 עקזעמפּליארן א. א. וו.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0023-0043 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## צײַטונגען און זשורנאלן, װאָס װערן אויסגעשריבן אין שטשעדרין אין פארגלײַך מיטן 1929 יאָר

| № | נאָמען | 1930 | 1929 |
|---|---|---|---|
| | | צאָל עקזאמפליארן | |
| | **צײַטונגען:** | | |
| 1 | „אָקטיאבער" | 64 | 11 |
| 2 | „עמעס" | 4 | 3 |
| 3 | „יונגער לענינעץ" | 42 | — |
| 4 | „זײַ גרייט" | 40 | — |
| 5 | „יונגער ארבעטער" | — | 2 |
| 6 | „זא קאָמ. פראָסוועשטשעניע" | 1 | — |
| 7 | „סאוועצקאיא בעלארוס" | 5 | — |
| 8 | סאָציִאליסטיטשעסקאָיע זעמלעדעליע" | 2 | — |
| 9 | „קוסטאר אי ארטעל" | 5 | 1 |
| 10 | „קאָאָפער. זשיזן" | 5 | 2 |
| 11 | „סעלכאָז ראבאָטשי" | 2 | 2 |
| 12 | „טשערוואָנאיא זמיענא" | 2 | 1 |
| 13 | „איזוועסטיא" | 10 | 7 |
| 14 | „קאָמסאָמ. פראוודא" | 5 | 4 |
| 15 | „זוויעזדא" | 10 | — |
| 16 | „פראוודא" | 16 | 6 |
| 17 | „באָברויסק. קאָמוניסט" | 10 | — |
| 18 | „בעזבאָזשניק" | 2 | — |
| 19 | „נאשא גאזעטא" | 8 | — |
| 20 | „ראבאָטשאיא גאזעטא" | 5 | 4 |
| 21 | „ראבאָטשי" (מינסק) | 8 | — |
| 22 | „בעדנאָטא" | 2 | 2 |
| | סאכאקל | 248 | 45 |
| | **זשורנאלן:** | | |
| 1 | „קראסנ. ארמ. אי קראסני פלאָט" | 1 | — |
| 2 | אָגאָניאָק" | 2 | — |
| 3 | „וועסטניק סאָוועטסק. וועטר." | 1 | -- |
| 4 | „ספוטניִק אגיטאטאָרא" | 1 | -- |



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

ס אָ ף.

| № | נ אָ מ ע ן | 1930 | 1929 |
|---|---|---|---|
| | | צאָל עקזעמפּליארן | |
| 5 | „באָלשעוויק" | 1 | — |
| 6 | „מאָלאָדאָי באָלשעוויק" | 2 | — |
| 7 | „וו פּאָמאָשטש קאָלכאָזניקו" | 1 | — |
| 8 | „געזונט און ארבעט" | 1 | — |
| 9 | „שטערן" (מינסק) | 5 | — |
| 10 | „ראָמאַן-גאַזעטא" | 1 | — |
| 11 | „בעזבאָזשניק או סטאנקא" | 1 | — |
| 12 | „טריבונא" | 2 | — |
| 13 | „בעזבאָזשניק" | 2 | — |
| 14 | „מעדראבאָטניק" | 1 | — |
| 15 | „טראַקטאָריסט" | 1 | — |
| | ס א כ א ק ל | 23 | — |

די קולטורעלע פּאָדערונגען פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג זײַנען באַזונדערס שטאַרק אויסגעוואַקסן אין רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד. כוץ די קאָל-ווירטישע שולן און די ווײַסרוסישע שול, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיטן קאָלווירט, כוץ די פאַרגרעסערטע צאָל צײַטונגען, וואָס ווערן אויסגעשריבן, זײַנען פאָרגעקומען באַדײַטנדיקע ענדערונגען אין דעם שטייגער-לעבן. אַזוי האָבן מיר הײַיאָר באַם קאָלווירט א יאַסלע אַף 50 קינדער. דאָס גיט א מעגלעכקײַט ארײַנציען די האָרעפּאַשנע פרוי אין קאָלווירטישן לעבן.

פאַר די שטייגערישע און בילדונג-אַנשטאַלטן האָבן די שטעטלדיקע האָרע-פּאַשניקעס צוגענומען 4 באָטעמעדראָשים, וועלכע האָבן פריער געדינט אין די אינטערעסן פון דער פינצטערער קליקע.

מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די ארטעלן און קאָלווירט האָט זיך ביז גאָר געביטן דער שטייגער. אַלע ארטעלן, דער קאָלווירט און די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן ארבעטן שאַבעס און זונטיק. די רו-טעג זײַנען דינסטיק, מיטוואָך, דאָנער-שטיק, צוגעפּאַסט פאַר יעדער אַנשטאַלט, ווי עס איז באַקוועמער. עמעס, עס זײַנען נאָך פאַראַן איינציקע מיטגלידער פון ארטעלן און קאָלווירט, וועלכע ארבעטן ניט שאַבעס און זונטיק. דאָס זײַנען אָבער שוין נאָר עלטערע. נאָר אויך צווישן אָט די קומט פאָר אן איבערברוך און איניקע ווערן באַווירקט פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. סוקעס-צײַט באַמערקן מיר גאָר קיינע שפּורן פון אַמאָליקן סוקעס, בלויז אין איינציקע ערטער באַהאַלטן זיך פאַרשעמט אײַנגע-

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0024-0045 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פאלענע, אייַנגעהויקערטע סוקעס. דערפאר ווערן געפּייַערט מיט באַגייַסטערונג די רעוואָליוציאָנערע יאָנטויווים, וואָס ווערן דורכגעפירט געמיינזאם מיט דער ווייַסרוסישער האָרעפּאשנער באפעלקערונג.

די ייִדישע קאָלווירטניקעס און ארטעלשטשיקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קאָשערן פלייש און נעמען מיט פארגעניגן די פלייש, וועלכע עס גיט זיי דער קאָלווירט פון אייגענער שכיטע.

ביז גאָר איז כאראקטעריסטיש פאר דעם שטעטל די צאָל פון דער אינטעליגענץ.

אין שטשעדרין זייַנען געווען צום 1-טן אָקטיאבער 1930 יאָר: 9 לערער (פון זיי 8 מיט מיטעלער און העכערער בילדונג), קימאט אלע אופגעהאָדעוועטע אין אונדזערע סאָוועטישע פּעדאגאָגישע מיטל- און הויכשולן; 3 אגראָנאָמען; 1 דאָקטער, 1 וועטערינאר-דאָקטער, 1 אקושאָרקע, 1 פעלדשער, 1 צאָנדאָקטער, צוזאמען — 17 מענטשן. מיר דארפן ניט פארגעסן, אז ביז דער רעוואָליוציע איז אין שטשעדרין געווען נאָר איין פעלדשער (אָדער דאָקטער).

ניט געקוקט אף דעם קאָלאָסאלן קולטור-שטייגערישן וווּקס פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג, מוז מען דאָך פעסטשטעלן, אז די קולטארבעט צווישן דער האָרעפּאשנער באפעלקערונג איז אָפּגעשטאנען פון די טעמפּן פון דער סאָצבויונג.

באם מאסאָוון ארייַנדרינגען פון דער האָרעפּאשנער פרוי אין סאָציאליסטישן סעקטאָר פון דער פאָלקווירטשאפט, שטייט באזונדער שארף די פראגע פון שטייגערישע אנשטאלטן, וועלכע זאָלן באפרייַען די פרוי פון דער שטוביקער ווירטשאפט. דער קאָלווירט „סאָציאליסטישער וועג" האָט, עפּענענדיק א יאסלע, זיך געשטעלט אפּך דאָזיקן וועג. דאָס קען נאָך אָבער די האָרעפּאשנע פרוי ניט באפרידיקן. עס מוז אומבאדינגט אָרגאניזירט ווערן א קינדערגאָרטן, ווייַל די קינדער אין עלטער פון 3-7 יאָר פאָדערן א באזונדערע אופמערקזאמקייַט צוליב וואָס די מוטער קען זיך ניט באפרייַען פון קינד. עס מוז אָרגאניזירט ווערן א וועשערייַ, א קיך און אנדערע אנשטאלטן.

מיר מוזן פעסטשטעלן, אז עס איז ניטאָ קייַן אָנפירנדיקער אָרגאן פון דער פּאָליט-אופקלער ארבעט אין שטשעדרין. אין רעזולטאט פון דעם האָבן מיר אזא לאגע, אז די קולט. קאָמיסיעס בא די ארטעלן און קאָלווירט זייַנען טויטע אָרגאנען. עמעס, דאָ האָבן מיר אויך אזא דערשייַנונג, וואָס די פארוואלטונגען פון די ארטעלן און פון קאָלווירט דערשאצן ניט די קולט-ארבעט. דאָס לייענשטיבל פונקציאָנירט ניט, ווייַל עס איז ניטאָ קיין שטיבלער. די ביבליאָטעק איז ניט אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער ציאָניסטישער יערושע, ביז איצטער האָט מען צוגעקויפט זייער ווייניק סאָוועטישע ליטעראטור און דאָס אויך אָן א סיסטעם.

דאָ האָבן מיר, אָן צווייפל, אויך א נאכלעסיקע באציונג פון די בילדונג-אָרגאנען צו דער פּאָליט-אופקלער-ארבעט אין שטעטל. די פּאָליט-אופקלער ארבעט אין שטעטל מוז אייַנגעפלאָכטן ווערן ווי א טייל פון דער גאנצער ווירטשאפטלעכער אייַנאָרדענונג פון שטעטל.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

5

## פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכע פיזיאָנאָמיע פון שטשעדרין

אף וויפל 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין שטשעדרין זייַנען ייִדן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער סאָוועט, וועלכער באַשטייט פון 24 מיטגלידער און 5 קאַנדידאַטן. פון זיי 82,4% ייִדן, 17,6% ווייסרוסן און פּאָליאַקן; 70,4% — מענער, 29,4% — פרויען, 17,6% אַרבעטער, 47% — קאָלווירטניקעס, 3,8% — קוסטאַרן, 23% — אָנגעשטעלטע, 2,9% אָרעמקייַט.

מיטגלידער פון ק. פּ. (ב.) ווו. — 17,5%, קאָמיוגיסטן — 17,5%, אומפּאַרטייִשע — 65%.

דער פּאָרזיצער פון ראַט איז כ-טע עלקינע כאַנע-מירע — אַן אַרויסגערוקטע פרוי פון אַ קוסטאַר.

די איבערוואַלן אין 1930 יאָר זייַנען פּאָרגעקומען בײַ אַ גרויסער אַקטיווקייַט פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג, וואָס עס ווייַזט אף דעם פּאָליטישן וווּקס פון די שטשעדרינער האָרעפּאַשניקעס. אויב אין 1929 יאָר האָבן אָנטייל גענומען אין די וואַלן נאָר 65% פון די וויילער, האָבן זיך אין 1930 יאָר באַטייליקט 80,4% פון דער אַלגעמיינער צאָל וויילער. דערבייַ דאַרפן מיר געדענקען, אַז די צאָל וואַל-באַרעכטיקטע האָט זיך באַדייַטנדיק פּאַרגרעסערט (זע אויבן).

דאָ זעען מיר בוילעט ווי דער רעקאָנסטרוקטיווער פּעריאָד האָט אויך באַדייַטנדיק אויפגעהויבן די פּאָליטישע אַקטיווקייַט פון די האָרעפּאַשניקעס. אָבער מיר מוזן צוגעבן, אַז צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַקטיווקייַט פון די האָרעפּאַשניקעס וואַקסן די כוצפּעדיקע אַרויסטרעטונגען פון די באַלעגופּישע, נעפּמאַנישע עלעמענטן.

אַכוץ די אויבנדערמאָנטע פּאַקטן פון פּאַרשאַרפטן קלאַסן-קאַמף אַרום דער קאָלווירטישער בויונג מוזן מיר צוגעבן נאָך אייניקע פּאַקטן, וואָס זייַנען געקומען צום אויסדרוק בײַס די וואַלן פון ראַט.

אָט ווי עס טרעט אַרויס א. מ. פּערסקי — (קאָלווירטניק):

— די קאָלווירטניקעס זייַנען, נעבעך, פּאַרלאָזענע יעסוימים און קיינער קומט זיי ניט צו הילף.

ליפשיץ, מ. (קאָלווירטניק):

דער קאָלווירט דאַרף זיך ניט פּאַרמעסטן אף גרויסע אונטערנעמונגען, ווי זייען גאָרטן, בויען אַ סילאָס-טורעם און זאַלץ-גריבער (זייַער-קעלערס). דער קאָלווירט דאַרף ניט פּאַרדייַגענען די אַרבעטער פון שטאָט מיט גאָרטן-פּראָדוקטן, ווייַל די אַרבעטער זאָרגן אויך ניט פאַר אונדז.

דאָ האָבן מיר בוילעטע באַלעגופּישע ווירקונגען אף אייניקע אָפּגעשטאַנענע קאָלווירטניקעס. דאָס באַווייַזט אונדז אויך, אַז דער באַלעגוף וואַרפט זיך אַריבער אף אַנדערע פּאָרמעס פון קאַמף. די אַרויסטרעטונגען זייַנען ניט קלוימערשט

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0025-0047 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

קעגן קאָלווירטן, נאָר קעגן גרויסע קאָלווירטן. זאָל מען אָרגאַניזירן קליינע קאָלווירטעלעך וועט מען קענען גיכער שאַפן אַן אייגענע קאָמפּאַניעלע. כוץ דעם, באַמיען זיי זיך אַרויספּאָרן אַף אונדזערע ווירטשאַפטלעכע שוועריקײַטן און אײַנרײַסן דעם צוזאַמענבונד פון אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום.

צו הילף דעם נעפּמאַן, באַלעגוף און זייערע אונטערלעקער קומט דער קלעריקאַליזם. כוץ די אויבן־דערמאָנטע מאָסמיטלען מיצאַד דעם קלעריקאַליזם אַף אַראָפּצורײַסן די אַרבעט אין די אַרטעלן און קאָלווירט אין דער צײַט פון די רעליגיעזע יאָמטייווים, באַמיען זיי זיך צו פאַרשוואַרצן די קאָלווירטישע בויונג און דעם פּאָליטישן־קולטורעלן וווּקס פון די שטשעדרינער האָרעפּאַשניקעס אין די אויגן פון די „אַמעריקאַנער“ און דורך זיי, מאַכן אַ דרוק אַף דער האָרע־פּאַשנער באַפעלקערונג. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אַ טייל באַקומען שטיצע פון די אַמעריקאַנער קרויווים און שטשעדרינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּיטסבורג.

אָט וואָס עס שרײַבט דער געוועזענער „30 יאָריקער“ צאַרישער סטאַראָסטע, יודע מאַרכאַווסקי, צום שטשעדרינער רעליעף אין אַמעריקע: „די ראַטן־מאַכט פאַרניכטעט די סייפּערטוירעס. מען נעמט צו די ערד בא די באַלעבאַטים פון שטעטל“ און נאָך אַזיינע פּערל. די שטשעדרינער האָרעפּאַשניקעס האָבן געענט־פערט אַף דעם אַרויסטריט מיט אַ פאָדערונג צו צו נעמען אַ בעסמעדרעש פאַר אַ קינאָ־סטאַציאָנאַרקע.

ניט אומזיסט האָט מען אָפּגעגעבן, בייס די איבערוואַלן פון ראַט, אַזאַ אופמערקזאַמקײַט דעם קאָלווירט, ווײַל דער קאָלווירט דאַרף זײַן דער צענטער פון דער אַרבעט פון סאָוועט. מיר מוזן אָבער זאָגן, אַז ביז איצטער איז עס ניט געטאָן געוואָרן.

דער סאָוועט האָט זיך ניט פאַרנומען מיט דער וויל־אײַנאָרדענונג פון שטעטל. עס זײַנען ניט אויסגענוצט געוואָרן די 1600 רוב., וועלכע זײַנען געווען אַסיגנירט אַף דידאָזיקע צוועקן. עס האָט קימאַט ניט געאַרבעט די קולט־קאָמיסיע באַם סאָוועט, וועלכע האָט פאַקטיש געדאַרפט זײַן דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער קולט־אַרבעט אין שטעטל.

מע מוז אָבער אויך אָנווײַזן אַף אייניקע מאָמענטן פון שטשעדרינער ראַט, וועלכע זײַנען געוויס אין דעם פאַל ניט קיין אויסנאַם פון אַנדערע. ווען איר דאַרפט האָבן וועלכע ניט איז יעדיעס, וועט איר אין סאָוועט ניט באַקומען. אַפילע אַזעלכע פּאָשעטע יעדיעס, ווי די צאָל אײַנוווינער, נעפּאַשעס, הײַזער, ערד־באַנוץ, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אַ. אַ. וו. קיין שום דיסקאַנט איז ניטאָ. אַזעלכע טעכנישע פעלערן וואַקסן אַמאָל אַריבער אין פּאָליטישע, ווײַל אָן אַ דיסקאַנט פון דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג קען די באַשטייערונג ניט זײַן קײַן ריכטיקע. און אַזעלכע פאַלן זײַנען אין שטשעדרין פאַראַן. עס ווערן ניט באַשטייערט די הענדלער, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0025-0048 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אין שטשעדרין איז פאראן א קעמערל ק. פּ. (ב) וו. פון 7 מענטשן. אייניקע פון זיי זײַנען אָרטגעבירטיקע פויערים. זיי זײַנען יונגע מיטגלידער פון דער פּארטיי, אָבער פילן שוין אויס פאראנטוואָרטלעכע ארבעטן. דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט און דער פארוואלטער פון דער ווירטשאפט זײַנען פּארטיי-מיטגלידער, ארויסגערוקטע פון די אָרטיקע פויערים. אדאנק דעם, וואָס די פּארטיי-מיטגלי-דער נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין דער דירעקטער ארבעט פון קאָלווירט, שטעטלדיקן ראט און אין אלע געביטן פון דער שטעטלדיקער ארבעט, האָט דאָס קעמערל א גרויסן אווטאָריטעט צווישן דער האָרעפּאשנער באפעלקערונג. אָבער עס טרעפט, אז דאָס קעמערל רעאגירט ניט צו דער צייט אף א ריי דערשײַנונגען, איז ניט גענוג בויגעוודיק און פלינק באם אויספילן א ריי ווירטשאפטלעכע אופגאבעס, באם געבן באצײַטנס א ווידערשטאנד די קלאסן-פײַנטלעכע ארויסטרעטונגען. דאָס קעמערל האָט זיך אָפּגערופן אף דער צעלײ-גערישער ארבעט פון די קלייקוידעש דאן, ווען עס זײַנען שוין אראָפּגעריסן געוואָרן 10 ארבעט-טעג אין קאָלווירט. אויך פירט דאָס קעמערל שוואך אָן מיטן סאָצ. געוועט, שלאָגלערײַ און אנד.

דאָס קאָמיוגישע קעמערל ציילט 25 מיטגלידער, קימאט אלע אָרטיק-געביר-טיקע. דאָס קעמערל פילט זיך זייער שטארק אין דער ארבעט פון קאָלווירט מיט דעם, וואָס זײַנע מיטגלידער גייען פאָרויס אין א ריי געביטן, אין זין פון איבער-ברעכן אלטע ארבעט-מעטאָדן, אײַנרײַסן מיטן אלטן שטייגער. די קאָמיוגיסטן האָבן מיט זיך געפירט די יוגנט צו דער ארבעט ראָשעשאָנע, יאָמקיפּער. זיי האָבן זיך די ערשטע דערקלערט פאר שלאָגלער אין יענע טעג א. א. וו. שוואך איז בא זיי אוועקגעשטעלט די פּאליט-אופקלער ארבעט. דער קאָמיוג האָט א גרויסן אווטאָריטעט צווישן דער ארבעטנדיקער יוגנט אין שטשעדרין. א גרויסער טייל פון דער האָרעפּאשנער יוגנט ציט זיך צום קאָמיוג, אדאנק דער אקטיווקײַט פון קעמערל.

די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס ארבעטן שוואך. ניט דער סאָוועט, ניט דאָס פּארטיי-קעמערל פירן אָן מיט דער ארבעט פון די אָרגאניזאציעס.

דער קאָמיטעט פון קעגנזײַטיקער הילף האָט אָפּגעשטעלט זײַן טעטיקײַט און איז געוואָרן פאר דער לעצטער צײַט א טויטער אָרגאן. עמעס, ער האָט אָפּגעטאָן א גרויסע ארבעט באם ארײַנציען די אָרעמקײַט אין קאָלווירט „סאָציאַ-ליסטישער וועג”. עס איז אָבער ניט ריכטיק, אז ער האָט שוין ניט וואָס צו טאָן. קוידעמקאָל איז איבערגעבליבן א טייל אָרעמקײַט, וועלכע האָט זיך נאָך עקאָנאָמיש ניט אײַנגעאָרדנט, כאָטש עס איז פאראן צײַטווײַליקע ארבעט. אויך די אָרעמקײַט, וואָס איז אין קאָלווירט, פאָדערט די ערשטע צײַט א געוויסע הילף מיצאד דעם קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט אויך א גרויסע אופגאבע צו מיטהעלפן די אָרגאנען אָרגאניזירן די אָרעמקייט-גרופּעס פון קאָלווירט, ארטעכן אין קאמף קעגן די באלעגופישע עלעמענטן.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

# אײניקע אויספירן

1. די אקטיאבער-רעוואָליוציע האָט ראדיקאל געענדערט די סאָציאל-עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג. באזונדערס האָבן מיר צו פארצייכענען א שטארקע פארענדערונג פון דער סאָציאלער-עקאָנאָמישער פיזיאָנאָמיע פון דער שטשעדרינער באפעלקערונג אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד פון דער סאָציאליסטישער בויונג. דאָס איז די אָרגאניזאציע פון קאָלווירט „סאָציאליסטישער וועג”, וואָס האָט ארײַנגעצויגן א מאסע שטעטלדיקע אָרעמקײַט און האָרעפאשניקעס אין דער סאָציאליסטישער בויונג.

די ווײַטערדיקע פערספעקטיוון פון קאָלווירט גיבן א מעגלעכקײַט ארײַנצוציען אין אים אויך דעם טייל פון די שטשעדרינער האָרעפאשניקעס און אָרעמקײַט, וואָס איז נאָך ניט עקאָנאָמיש אײַנגעאָרדנט.

2. די קוסטאר-ארטעלן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט די פאָדערונגען פון דער קאָלעקטיוויזירטער לאנדווירטשאפט און באזירן זיך אף אָרטיקן רוישטאָף, (שמידן, סמאָלע-ברענער) האָבן ברייטע פערספעקטיוון אף אנטוויקלען זיך. די ארטעלן פון שנײַדער, שוסטער וועלן מוזן אלץ מער אריבערגיין אף ריין באדינערישע פונקציעס, וואָס פארשמעלערט די פערספעקטיוון פון זייער אנטוויקלונג.

3. צוזאמען מיטן וווקס פון די ארטעלן און דער אָרגאניזאציע פון קאָלווירט האָט זיך די עקאָנאָמישע לאגע פון דער שטשעדרינער האָרעפאשנער באפעלקערונג באדײַטנדיק פארבעסערט.

4. צוזאמען מיט דער פארבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאגע אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד פון דער סאָציאליסטישער בויונג זײַנען באדײַטנדיק אויסגעוואקסן די קולטורעלע באדערפענישן פון די האָרעפאשניקעס. אין רעזולטאט האָבן מיר א ריי דערגרייכונגען אפן קולטורעלן געביט. עס ווערן נאָך שוואך באפרידיקט די באדערפענישן פון פּאָליט-אויפקלער-ארבעט.

5. עס איז געשטיגן די פּאָליטישע אקטיווקײַט פון דער האָרעפאשנער באפעלקערונג.

6. עס זײַנען פּאָרגעקומען באדײַטנדיקע ענדערונגען אין שטייגער פון די האָרעפאשניקעס, אין צוזאמענהאנג מיטן וווקס פונעם סאָציאליסטישן סעקטאָר פון דער פּאָלקווירטשאפט.

7. צוזאמען מיטן וווקס פון סאָציאליסטישן און פארגעזעלשאפטלעכטן סעקטאָר פון דער שטעטלדיקער ווירטשאפט פארשווינדט די נאציאָנאלע אײַנגעשלאָסנקײַט פון דער ייִדישער און ניט ייִדישער באפעלקערונג. די אינטערנאציאָנאליזירונג פון קאָלווירט און פון די ארטעלן דערנעענטערט און פארשטארקט די אינטערנאציאָנאלע סאָלידאריטעט פון די האָרעפאשניקעס.



Bild-Nr.: JG1228-0-01-0026-0049 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main
Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

יעדער שריט פאָרויס אפן וועג פון סאָציאליסטישער בויונג איז דורכגעמאכט געוואָרן אין רעזולטאט פון פארשארפטן קלאסן קאמף — די עלעמענטן, וועלכע מוזן אונטערגיין, גיבן זיך פריַיוויַליק ניט אונטער. זיי געפינען פארשיידענע מיטלען און לאָזן ניט דורך די קלענסטע מעגלעכקיַיט, סיַי אין עקאָנאָמיק, סיַי אין אידעאָלאָגישן געביט, קעדיי צו לייגן שטיינער אף אונדזער וועג. דאָס פאָדערט א באזונדערע וואכזאמקיַיט און אופמערקזאמקיַיט מיצאד די פארטיי- און סאָוועטן-אָרגאנען אף די ערטער, שטרענג דורכפירן די גענעראלע ליניע, קעמפנדיק אומבעראכמאָנעסדיק קעגן אלע פאלן פון רעכטן אפּאָרטוניזם, „לינקע" איבערבויגן, וועלכע גיסן וואסער אפן מיל פון אונדזער קלאסן-סוינע.



Bild-Nr.: JG1228-0-01-0026-0050 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main
Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0027-0051 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

БЕЛАРУСКАЯ АКАДЭМІЯ НАВУК
ЯЎРЭЙСКІ СЭКТАР

І. ГЕРШЭНБАУМ

Соцыяльна-экономічная сэрыя
1

# ШЧАДРЫН

## МЯСТЭЧКА Ў РЭКОНСТРУКЦЫЙНЫМ ПЭРЫЁДЗЕ

Выданьне Беларускай Акадэміі Навук
Менск — 1931

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0027-0052 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0028-0053 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

БЕЛАРУСКАЯ АКАДЭМІЯ НАВУК
ЯЎРЭЙСКІ СЭКТАР

192/15

І. ГЕРШЭНБАУМ

Соцыяльна-экономічная сэрыя
1

# ШЧАДРЫН

## МЯСТЭЧКА Ў РЭКОНСТРУКЦЫЙНЫМ ПЭРЫОДЗЕ

Выданьне Беларускай Акадэміі Навук
Менск — 1931

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1228-0-01-0028-0054 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Gustav Uhrig
Buchbinderei
Frankfurt/M.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main